STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09887

FLIKHTLINGE UN HELDN

Jacob Kirschbaum

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב קירשבוים

פליכטלינגע און העלדן

געשיכטלעכער איבערבליק וועגן די פליכטלינגע אין אַמעריקע, וואָס זיינען אַ ברכה אין נאַציאָנאַל-פּאָליטישן און פאָלקסווירטשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד.

1492 — 1940

זעלבסט-פאַרלאַג און הויפּט-פאַרקויף ביים מחבר:
2875 וועסט 22-טע סטריט
ברוקלין, נ. י.

ניו-יאָרק
1940

Copyright 1940
BY
JACOB KIRSCHBAUM

געדרוקט ביי שולזינגער ברידער

Printed by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
1001 Sutter Avenue, Brooklyn, N. Y.

JACOB KIRSCHBAUM

REFUGEES & HEROES

1492—1940

Published and Sold by the Author
2875 WEST 22nd STREET
Brooklyn, N. Y.

NEW YORK
1940

די „סטאַטוע פון פרייהייט"

אינעוויינק, אין דער גראַנדיעזער „סטאַטוע פון פרייהייט", וואָס איז אַ מתנה פון דער פרייהייט־לעכער פראַנצויזישער שוועסטער־רעפּובליק און שטייט ביים ברעג פון ים, געפינט זיך אויס־געהאַמערט אין בראָנז, אַ ליד פון דער אידישער דיכ־טערין, עמא לאַזארוס, וועלכע האָט געלעבט פון יאָר 1849 ביזן יאָר 1881 און איז, ליידער זייער יונג געשטאָרבן, אין עלטער פון 38 יאָר. זי איז געווען אַ קינד פון אַ אידיש־מאַראַנען משפחה און איז געווען איינע פון די גרעסטע דיכטערינס פון איר צייט.

דאָס ליד הייסט „דער נייער ריז" און עס באַ־זינגט :

„די מוטער פון פאַרטריבענע, פון וועמענס פאַקל עס לייכט אַרויס אַ ברוך־הבאָ איבער דער גאַנצער ברייטער וועלט".

מיט שטומע ליפּן זינגט זי :

גיט מיר די מידע, די אָרעמע,
די צונויפגעדריקטע מאַסן,
וואָס בענקען צו אָטעמען פריי !
די אומגליקלעכע, די אַרויסגעשטויסענע,
פון די פילבאַפעלקערטע ברעגן.
שיקט זיי צו מיר די היימלאָזע,
די פון שטורעם געטריבענע.
איך הויב אויף מיין ליכט
ביי דער גאָלדענער טיר !

(די איבערזעצונג פון מאַרק שווייד, „צוקונפט", אויגוסט, 1939)

ליבער קאָלעגע קירשבוים —

נאָכדעם ווי איך האָב דורכגעבלעטערט די קאָ־רעקטור־בויגנס פון אייער בוך „פליכטלינגע און העלדן", פרייט עס מיך צו קענען אייך זאָגן, אַז נאָך מיין מיינונג, איז אייער מאַנוסקריפּט אַ זייער נוצלעכער בייטראַג צו דער ליטעראַטור וועגן די אידישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע. אַמעריקע איז אַ וואונדערבאַר־לאַנד און איר האָט אויף אייער אופן גוט אויפגעכאַפּט און אינטערפּרעטירט דעם פרייהייטס־גייסט, וואָס באַהערשט דאָס אַמערי־קאַנער פאָלק און וואָס האָט אַזוי ברידערלעך אויפגענומען די הונדערטער טויזנטער אידן, וואָס זיינען אין די לעצטע פאַר הונדערט יאָר געווען געצוואונגען אויסצוואַנדערן פון די אַלטע היי־מען אין אייראָפּע קיין אַמעריקע.

מיט האַרציקן וואונש פאַר אייער דערפאָלג,

וויליאַם עדלין,
פרעזידענט פון י. ל. פרץ שרייבער־פאַראיין.

אינהאַלט:

די „סטאַטוע פון פרייהייט" 4

צו די לעזער 7

אַריינפיר 11

די מאראנען — די הויפט־פיאָנערן פון די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס 19

1654 — די ערשטע אידישע איינוואַנדערער אין ניו־יאָרק 28

1772 — פּאָליאַקן און פוילישע אידן ביי דער אַמעריקאַנער
רעוואָלוציע 38

1848 — די ערשטע אידיש־דייטשע פליכטלינגע און דער
בירגער־קריג 53

1881 — די רוסישע פּאָגראָמען און די „עם־עולם" באַוועגונג 68

דאָס 20־טע יאָרהונדערט 83

אַמעריקע און די פליכטלינגע־טראַגעדיע 90

ביבליאָגראַפיע 111

צו די לעזער

די אנשטענדיקייט פאָדערט, אַז ווען אַן אומבאַקאַנטער, אַן איינגעוואַנדערטער, קומט אין אַ נייער געזעלשאַפט, דאַרף ער זיך פאָרשטעלן, זאָגן אַ פּאָר ווערטער, ווער ער איז, וואָס איז געווען זיין ביזאיצטיקע טעטיקייט און וואָס זיינען זיינע קוואַליפיקאַציעס, וועלכע זאָלן אים געבן די מאָראַלישע רעכט אַרויסצוטרעטן אין דער עפנטלעכקייט. דעריבער האַלט איך פאַר מיינם אַ חוב צו געבן אייניקע שורות, וועגן מיין ביז־איצטיקער פען־טעטיקייט, און דערנאָך צוצוטרעטן צום ענין גופא.

געבוירען אין לאָדז אין 1896, האָב איך אין די יונגע יאָרן געזאָלט זיך ווידמענען דעם רבנישן שטודיום. געלערנט ביים אָסטראָווער רב הרב מאיר דן פּלאָצקי ז״ל. אין 1916 טרעט איך אַריין אין „לאָדזער טאָגעבלאַט״. אין סוף 1919 בין איך אַוועק קיין בערלין, וואו איך האָב מיטגעאַרבעט אין אייראָפּעאישן אָפּיס פון דוד פינסקי׳ס „צייט״, וואָס איז אָנ־געפירט געוואָרן פון באַקאַנטן פובליציסט, לעאָן כאַזאַנאָוויטש, אין דער רעדאַקציע פון „אונזער פרייהייט״, וואָס איז געליי־טעט געוואָרן פון דאַמאָלטיקן סטודענט, חיים אַרלאָזאָרף און אין „מזרח־איד״, דער אָרגאַן פון „מזרח־אידישן פאַרבאַנד״ אין דייטשלאַנד, וואו איך האָב אָנגעהערט צו דער עקזעקוטיווע. אין אָנהויב 1921, עפנט דער „פאָרווערטס״ אַן אייראָפּעאישן אָפּיס אין בערלין, וואָס ווערט אָנגעפירט פון זשורנאַליסט נ. ה. שיפּרין און איך בין פון אים געשיקט געוואָרן קיין דאַנציג, כדי פון דאָרט סיסטעמאַטיש צו באַריכטן וועגן דעם ריזיקן עמיגראַנטן־שטראָם, העכער 60,000 אידישע מלחמה־ און ביר־גער־קריג־קרבנות, וואָס האָבן אין פאַרלויף פון 1921 ביז 1925 אויסגעוואַנדערט פון די רוסישע פּראָווינצן און פּוילן דורך דאַנ־ציגער האַפן אין די פאַרשיידענע לענדער מעבר לים. אין דאַנציג

האָבן דאַמאָלט געאַרבעט דעלעגאַציעס פון „האַיאַס", „דזשוינט" און „יק"א".

אין דאַנציג, וואו איך האָב געלעבט ביז דעצעמבער 1938, ווען איך האָב געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט, בין איך אַ רייע יאָרן געווען דער קאָרעספּאָנדענט פון „מאָרגען זשורנאַל", „אידי-דישער טעלעגראַפן-אַגענטור", פון די וואַרשעווער אידישע צייטונגען, און אין די לעצטע 8 יאָר, אַליין אַרויסגעגעבן אַן אידישע וואָכנצייטונג „דאַנציגער אינפאָרמאַטאָר", וואָס האָט עקזיסטירט ביז צום לעצטן טאָג פאַר מיין פאַרלאָזן דאַנציג, אונטער די שווערסטע פּאָליטישע אומשטענדן און אונטער אַ שטרענג אויג פון דער געסטאַפּאָ. לעבנדיק אין אַזאַ אינטער-נאַציאָנאַל ווירטשאַפטלעך פּאָליטישן צענטער, ווי דאַנציג איז געווען, האָב איך מיך באַזונדערס ספּעציאַליזירט אין ווירט-שאַפטלעך-פּאָליטישע פּראָבלעמען בכלל, און אין ווירטשאַפטס-געשיכטע בפרט. אויף דעם געביט האָב איך אין 1926 אַרויס-געגעבן „די געשיכטע פון די אידן אין דאַנציג", וואָס איז ציטירט געוואָרן אין דער גרויסער אידישער ענציקלאָפּעדיע פון „אשכול-פאַרלאַג" און איז באַנוצט געוואָרן דורך פאַכלייט אַלס אַ האַנט-בוך אין פראַגן, וואָס האָבן צו טאָן מיט אידישע ווירשאַפטלעכע ענינים אין די באַלטישע לענדער און אויך אין די אינטערנאַציאָ-נאַלע האַנדלס-באַציאונגען. איך בין אויך געווען דער קאָרעס-פּאָנדענט אין דאַנציגער האַפן פון אַ דייטשער שריפט „ווירט-שאַפטס און וואַנדערונגס קאָרעספּאָנדענץ" אין קעניגסבערג. און אין מיין אַרכיוו, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט קיין ניו-יאָרק. געפינען זיך אויך פאַרשיידענע בריוו פון מיינע פאַרבינדונגען מיט'ן אָפּיס פון דעם היי-קאָמישאָנער פון ליעג אָף ניישאָנס אין דאַנציג.

געפינענדיק זיך דאָ, אין פרייען אַמעריקע, וואו איך האָב פּסיכאָלאָגיש אָנגעהויבן צו באַגרייפן דעם ריזיקן אָרגאַניזם, וואָס רופט זיך אַמעריקע און אַמעריקאַנער אידנטום, האָב איך דערזען, אַז עס איז עקזיסטירט אַ „כינעזישע וואַנט" צווישן געוויסע היגע אידישע קרייזן און די גרויסע מאַסן פון די קרבנות

פון דער איצטיקער אידישער פאָלקס-טראַגעדיע. אַלס אַ נאַ-ציאָנאַלער איד, וואָס שטייט מיט ביידע פיס אין פאָלקסטימלעכן אידנטום און גלייכצייטיק אַ קרבן פון דער איצטיקער שווערער טראַגעדיע, בין איך נאָענט צו ביידע צדדים. האָב איך עס דעריבער געהאַלטן פאַר מיינס אַ דרינגענדיקע אויפגאַבע: אַרויסצוקומען אין דער היגער אידישער עפנטלעכקייט מיט אַן אויפקלערונג וועגן דעם גאַנצן טראַגישן ענין.

דאָס דאָזיקע בוך, וואָס געפינט זיך איצט אין די הענט פון די חשובע לעזער, האָט אגב אויך אַ צווייטע אויפגאַבע: צו באַקענען אין אַלגעמיין דעם מאַסן-מענטש מיט די פאַרשיידענע פעריאָדן פון דער אידישער איינוואַנדערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן און באַזונדערס מיט די גרויסע פאַרדינסטן פון די פליכט-לינגע, וועלכע האָבן אין אַלע צייטן מיטגעהאָלפן אין די פריי-הייטס-קאַמפן און אין דעם ווירטשאַפטלעכן פיאָנערישן אויפבוי פון נייעם היימלאַנד. פליכטלינגע זיינען שטענדיק אין די פאָדערשטע רייען, ווען עס האַנדלט זיך וועגן באַשיצן די יסודות פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, רעכט און גערעכטיקייט, און זיינען שטענדיק אַ מזל-ברכה פאַר דער אַמעריקאַנער רע-פובליק.

אויך אין אונזער איצטיקער פליכטלינגס-איינוואַנדערונג, וואָס גייט שוין אַן העכער זיבן יאָר, אַלס אַ רעזולטאַט פון דער גרויסער אידישער פאָלקס-טראַגעדיע אין צענטראַל- און מזרח-אייראָפּע, וועט מען ווי געהעריק וויסן אָפּצושאַצן די גרויסע, היסטאָרישע גאַסט-פריינטשאַפט פון נייעם היימלאַנד און די נייע אימיגראַציע וועט ביישטייערן איר חלק אין ווייטערדיקן אויפבוי אין אַלע געביטן, באַזונדערס ביים איבערפלאַנצן אינדוסטריען און אַנדערע ווירטשאַפטס-צווייגן, וואָס עס וועט זיין לטובת די אָנקומענדיקע אידן און אַ נוצן פאַר אַמעריקע.

זאָל דאָסדאָזיקע באַשיידן בוך פון אַ פליכטלינג אויך זיין אַ דערמוטיקונגס-גרוס פאַר די אַלע קרבנות, וואָס געפינען זיך נאָך אין יאָמער-טאָל און אויך פאַר די, וואָס האָבן געהאַט דאָס גליק, זיך אַרויסצורייסן פון דאָרט און זיינען צוזייט און צר-

שפּרייט איבער אַלע לענדער אין דער וועלט. מיר זיינען אַלע קינדער פון אַן אַלט פאָלק, וואָס איז געגליכן צו אַ ברענענדיקן דאָרן, וואָס ברענט און ברענט און ווערט ניט פאַרברענט. מיר אידן זיינען געגליכן צום לעגענדאַרן פויגל, דער פעניקס, וואָס לעבט אויף פון דעם אַש, אין וועלכן ער ווערט פאַרברענט. מיר אידן זיינען אַ בטחון-פאָלק, וואָס טראָגט אַלעמען, גלויבן מיר, אַז אַזוי ווי מיר האָבן איבערגעלעבט אַלע ביזאיצטיקע שונאים, וועלן מיר אויך איבערלעבן די איצטיקע. מיר האָבן אַ לעגענדע, אַז אין תשעה-באב, אין טאָג פון חורבן, איז געבוירן געוואָרן דער משיח, אונזער דערלייזער. אויך אין תשעה-באב פון 1492, אין שווערן חורבן-טאָג פון גירוש שפּאַניע איז געבוירן געוואָרן די נייע וועלט, דאָס גרויסע פרייע אַמעריקע, פאַר וועלכער מיר אַלע דאַנקען די השגחה-העליונה, און אין דעם גרויסן אידישן צענטער האָבען מיר, קיין עין הרע, פינף מיליאָן אידן (כן ירבו), וועלכע באַווייזן און דעמאָנסטרירן פאַר דער וועלט, אַז „עם ישראל חי!” — ישראל וויל און וועט לעבן!

דער מחבר.

ניו-יאָרק, ערב פסח, ת"ש, אַפּריל 1940.

אַרײַנפֿיר

אין דער געשיכטע פֿון דער וועלט־וואַנדערונג, באַגעגענען מיר זיך מיט דרײַ וואַנדערער־גרופּן. די ערשטע צוויי זײַנען פּריוויליקע וואַנדערער, און די דריטע באַשטייט פֿון געצוואונגענע וואַנדערער. די ערשטע גרופּע נעמט אין זיך אַרײַן די פֿאַרשיידענע וואַנדערער־אידעאַליסטן. זיי ווערן ניט פֿאַרפֿאָלגט אין זייערע היימלענדער און לײַדן אויך ניט קייןווירטשאַפֿטלעכע נויט, נאָר צוליב ריין־אינדיווידועלע מאָטיוון גייען זיי אין לאַנד פֿון זייער נאַציאָנאַלער בענקשאַפֿט, ווי, למשל, די ערשטע עליות קיין ארץ־ישראל, אָדער ענלעכע בײַ אַנדערע פֿעלקער־וואַנדערונגען. די צווייטע גרופּע וואַנדערער זײַנען די, וועלכע לעבן איבער אין זייערע היימלענדער ווירטשאַפֿטלעכע נויטן, אָדער זיי האָבן אַנדערע פּערזענלעכע זאָרגן און זיי זוכן פֿאַר זיך אַ נײַעם מקום־מנוחה. די דאָזיקע וואַנדערער זײַנען ניט קיין פּאָליטישע וועלט־באַגליקער. זייער ציל איז צו קומען צו אַ רואיקן ברעג, כּדי זיי זאָלן קענען רואיק און שטיל ווייטער פֿירן זייער פֿאַמיליען־לעבן, באַזײַטיקנדיק דערבײַ די פֿריערדיקע נויטן און זאָרגן. די דריטע גרופּע וואַנדערער זײַנען אָבער שוין אַזעלכע מענטשן, וועלכע לעבן זיך אין זייערע היימען אין מער־ווייניק נאָרמאַלע און רואיקע ווירטשאַפֿטלעכע פֿאַרהעלטענישן, האָבן ליב דאָס לאַנד, וואו זיי וואוינען, אָבער צוליב רעליגיעזע אָדער פּאָליטישע סבּות ווערן זיי געצוואונגען, ממש אַרויסגעריסן פֿון זייערע וואוינלענדער און קעגן זייער אייגענעם ווילן מוזן זיי לויפֿן און זוכן פֿאַר זיך אַן אַנדער לאַנד, וואו זיי זאָלן קענען פֿרײַ לעבן, אין הסכּם מיט זייערע רעליגיעזע אָדער פּאָליטישע אנשויאונגען און אידעאַלן. די דאָזיקע וואַנדערער זײַנען ניט קיין קרבּנות פֿון זייערע אייגענע פּערזענלעכע אינטערעסן, נאָר פֿון פֿאָלקס־טראַגעדיעס. דאָס זײַנען די, וועלכע מען רופֿט, פּליטים, אָדער פֿליכטלינגע.

און דעריבער איז אויך פֿאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד

צווישן די פארשיידענע גרופן אפילו אויך דעמאלט, ווען זיי האבן זיך שוין באזעצט אין די נייע איינוואנדערונגס-לענדער. די ערשטע וואנדער-גרופע, די אידעאליסטן, קומט דא, אויף וויפל עס האנדלט זיך בנוגע דער אמעריקאנער איינוואנדערונג, ניט אין באטראכט, ווייל אט-דער מין איינוואנדערער גייט נאר אין די אייגענע נאציאנאלע היימלענדער, און קומענדיק אהין ווערן זיי תושבים, אזויווי זיי וואלטן דארט געבוירן געווארן. צווישן די צווייטע און דריטע גרופן זיינען שוין דוקא יא פאראן גרויסע אונטערשיידן בנוגע זייער אקלימאטיזירן זיך און איינבירגערן זיך אין די נייע איינוואנדערונגס-לענדער בכלל, און דא, אין די פאראייניקטע שטאטן, בפרט. יענע וואנדערער, וועלכע האבן פארלאזן זייערע היימען צוליב פערזענלעכע נויטן און זארגן, האבן, ממילא, קומענדיק אין דעם נייעם איינוואנדערונגס-לאנד, געהאלטן פאר זייער הויפט-אויפגאבע צו מאכן אלע באמיאונגען און זען, אז עס זאלן באזייטיקט ווערן די פריערדיקע „טראבלס". ביי די פאליטישע פליכטלינגע, וואס זיינען געקומען צו א מקום מנוחה אין אן איינוואנדערונגס-לאנד, איז שוין די לאגע גאר אנדערש. זיי, ביי וועמען מען האט אין די אלטע היימען צוגע־רויבט די לופט צום עטעמען, און זיי האבן בעיקר געלעכצט נאך א ביסעלע פרייהייט, א סך מער אפשר ווי נאך ברויט, גראד זיי זיינען שטענדיק פון די ערשטע זיך צו שטעלן אין דינסט פון דעם נייעם איינוואנדערונגס-לאנד, ווען עס דראט א געפאר איר נאציאנאלער אדער סאציאלער זעלבסטשטענדיקייט און אומאפהענגיקייט. נאר די, וועלכע האבן אין זייערע אלטע היימלענדער פארשטאנען דעם גרויסן ווערט פון דעם פרייהייט־געפיל, זייענדיק קרבנות פון רעליגיעזע, אדער פאליטישע פאר־פאלגונגען, רעכטלאזיקייט, אדער רעאקציאנערע באגרעניצונ־גען, ווייסן אפצושאצן די זייער וויכטיקע באדייטונג פון זיין צווישן די ערשטע פארטיידיקער פון די קאסטבארע אוצרות אין דעם נייעם היימלאנד, ווען אט-די אוצרות זיינען אין א גע־פאר און ווערן אנגעגריפן. דידאזיקע פאליטישע פליכטלינגע און פארפאלגטע ווייסן ניט פון קיין צוריק. זיי האבן אויפגעריסן

אַלע בריקן הינטער זיך, איבערגעריסן אַלע פעדים מיט די אַלטע היימען און זיינען דאָ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מענטשן פון טאַט, אין גרינדער פון אַ ניי לעבן.

אַזוי איז ביי אַלע אַנדערע וואַנדערונגס־גרופּן און לענדער, און אַזוי איז דאָס אויך ביי די אידישע איינוואַנדערער אין נאָרד אַמעריקע. ווען מיר וועלן בלעטערן די געשיכטע פון אַמעריקע און באַזונדערס די אידישע איינוואַנדערונג און שאַפן, זייט קאָ־לאָמבוס האָט אַנטדעקט אַמעריקע אין 1492, ביז אונזערע טעג פונעם יאָר 1940, וועלן מיר קלאָר און דייטלעך זען אָט־די דער־שיינונג, וואָס ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדעם איבער דער געשיכ־טע פון דער אידישער איינוואַנדערונג. און הגם די איינוואַנ־דערונג קיין אַמעריקע, און בתוכם אויך די אידישע, גייט אָן אָן אויפהער, אָן אַן איבעררייס, זינט דעם מיטן פון 17־טן יאָר־הונדערט (ביי די אידן פון יאָר 1654 אָן), זיינען דאָך געווען פאַרשיידענע הויפּט־עפּאָכן אין דער אַלגעמיינער, ווי אויך אין דער אידישער איינוואַנדערונג. די גרויסע מאַסן־שטראָמען פון איינוואַנדערונג קומען פאָר אין די ציימן פון גרויסע פּאָליטישע, סאָציאַלע און רעליגיעזע אויפטרייסלונגען און קאַטאַסטראָפעס אין דער אַלטער אייראָפּע. די אומגליקן אין דער אַלטער וועלט זיינען בכלל געווען דאָס גליק פון דער נייער. קומענדיק אַהער, אין דער פרייער אַמעריקע, האָט מען ענג פאַרבונדן די פּערזענ־לעכע פריידן און זאָרגן מיט די פריידן און זאָרגן פון נייעם היים־לאַנד. אַלע געדאַנקען גייען אין דער ריכטונג, ווי מען זאָל וועלן ווייזן, אַז מער וויפל מען האָט פון אַמעריקע באַקומען, וויל מען איר געבן. מענטשן, וועלכע מען האָט אין די אַלטע אייראָפּע־אישע לענדער געטראָטן ווי שטויב, זיינען דאָ פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין שטאָלצע און פרייע בירגער, מיט ברייטע באַגריפן וועגן דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, רעכט און גערעכטיקייט און האָבן שטענדיק אונטערגעשטראָכן ווי ווייט וויכטיק און טייער אָט־דאָס אַלץ איז פאַר זיי.

אויב מיר וועלן אַרויסגיין פון אָט־דעם שטאַנדפּונקט, וועלן מיר ערשט ריכטיק פאַרשטיין דעם גרויסן נס — אַמעריקע,

דעם וואונדער פון טאַט, דעם אויפבוי פון די הונדערט-שטאַקיקע וואָלקנקראַצערס, די ריזיקע בריקן און טונעלן אונטערן וואַסער, וואָס זיינען דורכאויס פרייוויליק אויסגעבויט געוואָרן דורך פליכטלינגע און היימלאָזע. אין דעם אַמעריקאַנער פאָלק פון פעלקער לעבט אַ פראַמאַטעאוס, אַ באַפרייטער פון זיינע קייטן. און דערפאַר איז פאַראַן די פרייד פון שאַפן, וואָס ווערט געטאָן אין אַן אַטמאָספערע פון פרייהייט דורך די גרויסע שעפערישע מאַסן. דער יסוד פון אַמעריקעס דערפאָלג אין פאָלקס-ווירט-שאַפטלעכן זין ליגט אין דעם פרינציפּ, אַז דער וועג צום העכסטן דערפאָלג איז אָפן פאַר יעדער מוטיקן און דרייסטן. דאָ ווייסט מען ניט פון קיין יחוס, קאַסטע, אָפּשטאַמונג, רעליגיע און ראַסע. צווישן די הונדערט און דרייסיק מיליאָן איינוואוינער אין די פאַראייניקטע שטאַטן געפינען זיך פאַרטרעטער פון אַלערליי פעלקער, ראַסן, קאָלירן פון הויט, שפּראַכן און קולטורן פון אַלע עקן פון דער וועלט, מיט די פאַרשיידנסטע באַגריפן, מנהגים און געוואוינהייטן. דער יסוד פון אַמעריקעס דערפאָלג אין נאַציאָ-נאַל-פּאָליטישן זין ליגט ווידער אין דעם פרינציפּ פון טאָלעראַנץ, פון ניט וועלן טאָן דעם צווייטן דאָס, „וואָס דו ווילסט ניט, אַז מען זאָל דיר אַליין טאָן". דאָס איז דער הויפּט-פונדאַמענט, אויף וועלכן עס שטיצט זיך די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע — דאָס בשותפותדיקע צוזאַמענלעבן פון אַלע אינטערנאַציאָנאַלע באַפעלקערונגס-גרופּן דאָ אין לאַנד. און אויב דאָס איז אמת פאַר אַלע פעלקער-גרופּן, איז עס נאָך בנוגע די אידישע אימי-גראַנטן-גרופּן און פליכטלינגע פיל מאָל מער אמתדיק. פאַר אונז איז די אַמעריקאַנער פרייהייט דער איינציקער רעטונגס-אַנקער. ממילא איז איבעריק צוצוגעבן, אַז די אידן זיינען די טרייסטע באַשיצער פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע.

אַזוי איז געווען אין די פריערדיקע תקופות פון דער גרוי-סער אַמעריקאַנער איינוואַנדערונג, און אַזוי איז עס אויך אין אונזערע טעג. מיר אידען זיינען בכלל אַ פאָלק, וואָס אומעטום, אויף די פאַרשיידענע אָפּרו-סטיישאַנס פון די „ויסעו-ויחנו׳ס" אין אונזער וואַנדערונגס-געשיכטע, האָבן מיר שטענדיק גענומען

אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם אויפבוי פון די גאַסט-לענדער. מיר אידן ווייסן איבערהויפּט ניט פון געשיכטלעכער נקמה און שנאה צו אונזערע פאַרפאָלגער. די תורה מוז אונז מערערע מאָל אָלץ אָנזאָגן, אַז מיר זאָלן געדיינקען און ניט פאַרגעסן, וואָס עמלק האָט אונז געטאָן . . . עס איז זייער וויכטיק דער פאַקט, וואָס אַמעריקע איז אין אַלגעמיין אַ פליכטלינגס-לאַנד, אַ באַפעלקערונג, וואָס איז אויך בשעתה אַוועקגעלאָפן פון דער אַלטער וועלט צוליב רעליגיעזע סיבות. אַזוי אַז די אידן זיינען געקומען ווי גלייכע צו גלייכע. מען דאַרף אויך ניט פאַרגעסן, אַז אַמעריקע איז קאָלאָניזירט געוואָרן פון אַ פאָלק, וואָס איז צוגעבונדן צו דער ביבל, מער ווי אַלע אַנדערע מאָדערנע פעלקער. אין דעם אַמעריקאַנעם לעבן (ניט דעם אידישן נאָר דעם אַלגעמיינעם) זיינען פאַראַן מער צייכנס פון אונזערע הייליקע שריפטן ווי עס זיינען פאַראַן אין אַנדערע קריסטלעכע לענדער. דער פסוק פון תנ"ך איז אין דער אַמעריקאַנער שפּראַך מער איינגעוואָרצלט ווי אין אַנדערע שפּראַכן. עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס אויף דעם גלאָק פון פרייהייט, וואָס איז אין דעם „אינדעפענדענס האָל" אין פילאַדעלפיע, איז אויסגעקריצט דער פסוק: „וקראתם דרור לכל יושביה" (איהר זאָלט אויסרופן פרייהייט פאַר אַלע איינוואוינער). דאָס איז דער סימן פון דירעקטער פאַרבינדונג צווישן אַמעריקע און דער אַלטער אידישער געזעצגעבונג אין דער אידישער מדינה.

און דאָס ברענגט ניט בלויז אַ בעסערע אָפּשאַצונג פון אידן ביים אַמעריקאַנער, נאָר אַ טיפן געפיל, אַז בכלל איז מיט דעם אידישן פאָלק ניטאָ זיך וואָס צו שעמען; אַז דער איד איז אַ פעסטער תושב אין דער וועלט-ציוויליזאַציע און ס'איז ניט נויטיק צו באַהאַלטן דעם פאַקט, אַז מען שטאַמט פון אברהם, יצחק און יעקב. די אידישע פאַרגאַנגענהייט איז גוט-פאַרבונדן מיטן לעבן פון אַמעריקע. עס ווערט זייער אָפט איבערגעחזרט פון אַמעריקאַנער היסטאָריקער, געלערנטע און גייסטלעכע, אַז די הויפּט-פּאָליטישע אידייען פון אַמעריקע קומען פון דער ביבל. אַלע ווייסן ווי נאָענט די אידייען פון די אַמעריקאַנער וועגן

דעמאָקראַטיע, גלייכהייט און גערעכטיקייט זיינען צום תנ"ך. די שייכות פון די ערשטע ענגלישע סעטלערס אין אַמעריקע, איבערהויפּט אין ניו־ענגלאַנד, צום אַלטן טעסטאַמענט, ווערט שטענדיק באַטאָנט. אַפילו דער פאַקט, אַז פיל פון די ערשטע אַמעריקאַנער נעמען זיינען אידישע, ווי למשל, עזרא, ירמיהו, גמליאל, אביגיל א. אַז. וו., האָט אויך אַ פּסיכאָלאָגישע ווירקונג אויף דעם אידן. עס זיינען דאָ פאַראַן מער פעדעם, וואָס זיינען געצויגן, צווישן דער נייער אַמעריקע מיט דער אַלטער יהודה, ווי ווילסאָן רופט עס אָן, ווי אין אַ וואָסער־ניט־איז אַנדער לאַנד.

נאָך פיל וויכטיקער איז דער פאַל, וואָס צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון אידישער וואַנדערונג, זיינען אידן געקומען אין אַ לאַנד, וואָס איז געבויט געוואָרן אויף די יסודות פון פרייהייט און פון גלייכהייט צו אַלע מענטשן. דאָס אַריינגעמען דעם איינגעוואַנדערטן אידן אַלס אַ גלייכן תושב מיט די אַנדערע תושבים, איז ניט געקומען פון אַ ספּעציעלער אָנשטריינגונג פון דעם געוויסן פון ניט־אידן, ווי ס'איז געווען דער פאַל אין אַנדערע לענדער, נאָר איז געקומען ווי אַ פּועל־יוצא פון די געוויינלעכע פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע אומשטענדן פונעם לאַנד. עס איז געקומען אַלס אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דעם, וואָס אַמעריקע האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט—אַ נייע מדינה, געבויט אויף נייע יסודות. די גלייכהייט פון די אידן איז געווען אַ נאַטירלעכער טייל פון דער אַמעריקאַנער אויפפאַסונג, וויאַזוי אַ מדינה דאַרף זיך פירן.

און נאָך אויף אַ וויכטיקן פּרט איז כדאי אויפמערקזאַם צו מאַכן, אַז די פליכטלינגע, און אימיגראַנטן בכלל, זיינען די גרעסטע פּאַטריאָטן פון אַמעריקע. זיי ברענגען־מיט פון דער אַלטער וועלט דאָס גלויבן אין דעם, אַז אַמעריקע האָט אַ מיסיע און איז אויסדערוויילט. די פליכטלינגע האָבן אין זייער בלוט די כאַראַקטעריסטישע אמונה און צוטרוי צו אַמעריקע. פון אַמעריקע דערוואַרט ער, פון אַמעריקע פאַרלאַנגט ער, אויף אַמעריקע האָפט ער. עס איז פאַר אים מער, אָן אָן ערך מער, ווי בלויז אַ געאָגראַפישער, אָדער פּאָליטיש־עקאָנאָמישער באַגריף.

אַמעריקע איז פֿאַר אים אַן אידייע, אַן עטישער ווערט. פֿאַר דעם מענטש אין אייראָפּע עקזיסטירט ניט די אַמעריקע פֿון אַ גאַנץ יאָר — עפּעס זעט ער זי זייער יום-טובדיק. ער זעט זי אין דער פּערספּעקטיוו פֿון איר געשיכטע, אין דער פּערספּעקטיוו פֿון אירע קאַמפֿן פֿאַר באַפֿרייאונג, אין דעם אידעאַליזם פֿון אירע גרויסע מענער, אין די מעשים און רייד פֿון אַ דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, פֿון אַ פֿרענקלין, פֿון אַ דזשעפֿערסאָן, פֿון אַן אייב-רעהעם לינקאָלן, וואָס האָט באַפֿרייט די נעגערס און וואָס האָט פֿאַרשטאַנען אַמעריקע, ווי די פֿאַרקערפּערונג פֿון דעם פֿריי-הייטס-פּרינציפּ. פֿאַר דעם אייראָפּייער איז אַמעריקע נאָך אַלץ דער לייכט-טורעם, און די סטאַטוע פֿון פֿרייהייט איז פֿאַר אים נאָך אַלץ דער סימבאָל פֿון אַ וועלט, וואָס וויל זיין אַנדערש און ניי. ער האָט עס אויפֿגענומען, ווי אַ נאַטירלעכע זאַך, ווי אַ פֿאָרזעצונג פֿון עכט-אַמעריקאַנישער טראַדיציע, ווען ווילסאָן איז געקומען מיט זיינע 14 פּונקטן צו דער אַלטער וועלט, און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אַ לאַנגע צייט צו פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס מען האָט אין אַמעריקע גופֿא קריטיקירט פּרעזידענט ווילסאָנס פּאָליטישע לוחות. און אויב עס זיינען פֿאַראַן אייראָפּייער, וואָס האָבן זיך אַנטוישט אין אַמעריקע, איז עס אויך נאָר דערפֿאַר, ווייל זייער באַציאונג צו אַמעריקע איז אַ ראָמאַנטיש-אידעאַליס-טישע, ווייל פֿאַר זיי איז אַמעריקע אַ גלויבנס-זאַך, ווייל אין זיי-ערע אויגן האָט אַמעריקע אַ מיסיע, אַ געשיכטלעכע שליחות. געוויס איז רוזוועלט פּראַקטישער פֿון ווילסאָנען, אָן פּראָפֿעסאָ-רישע אַבסטראַקציעס, מיט אַ מער-קאָנקרעטן פּראָגראַם פֿאַרן לאַנד און אויסלאַנד, מיט אַ גרעסערן חוש פֿאַר סאָציאַל-עקאָנאָ-מישע פּראָגראַמען, אָבער דער וועג איז דערזעלבער, די טענ-דענץ — אַ ניט-געענדערטע: אַמעריקע שעפּט זיך ניט אויס מיט זיך אַליין, אַמעריקע טראָגט אַ געשיכטלעכע אחריות ניט נאָר פֿאַר זיך, נאָר אויך פֿאַר דער בלאָנדזשענדיקער שיף פֿון אייראָפּע, וואָס ווערט געוואָרפֿן פֿון בלוטיקע שטורעם-כוואַ-ליעס.

מיט אַ לייכט געמיט וויל מען זיך אָפּזאָגן פֿון יענער „אַלט-

אַמעריקאַנישער" טראַדיציע און אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט אויף דער וועלטס צרות. אַמעריקע האָט גענוג אייגענע דאגות, און אַחוץ דעם איז עס גלאַט אַן אומדאַנקבאַרער ענין צו זיין אַן אייביקער „קהלשער פעטער", אַן אייביקער בורר, פאַרמיטלער און רודף-שלומניק. עס האָט אויך ריין-פּאָליטיש שלעכטע זייטן, שאָטנס און געפאַרן — אַזוי ווילן איינריידן די איזאָלאַציאָניסטן. אָבער — פאַרפאַלן. ווי מען זאָל זיך פון דער אידייע ניט וועלן אַרויסדרייען — בלייבט זי און שוועבט איבער אַמעריקע. זי מאַכט די דאָזיקע מדינה וועלט-היסטאָריש און פאַרלאַנגט פון איר אַן ענטפער אויף בלוטיקע קשיות, אַ היילונג פאַר אָפענע וואונדן. וואָרים ווען אַמעריקע איז געבוירן געוואָרן, איז שוין די אידייע געשטאַנען איר צוקאָפּנס. ניט אַ וואָלקנקראַצער האָט זיין שאָטן געוואָרפן אונטער איר וויג, נאָר אַ חלום. דער חלום פון די פוריטאַנער, דעם חלום פון מענטשן, וואָס האָבן געזוכט אַן אַנדער לעבן, אַנדערע באַציאונגען, וואָס זיינען פון אַלט-ענגלאַנד אַוועק זוכן ניי-לאַנד און ברייט-לאַנד. אַמעריקע וועט פון איר אייגענעם וועלט-היסטאָרישן גורל ניט קענען אַוועקגיין, ווייל אָן דעם פאַרלירט זי איר היסטאָרישן זין, איר פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט.

די מאַראַנען — די הויפּט־פּיאָנערן
פון די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס

די שפּאַנישע תקופה אין מיטעלאַלטער, פון אַן ערך דעם יאָר 1000 ביזן סוף פון 15־טן יאָרהונדערט, האָט געהערט צו די גלענצנדסטע תקופות אין לעבן פון אידישן פאָלק אין די גלות־לענדער. פון אברהם אבן יעקב דורך ר' שמואל הנגיד, רבי יהודה הלוי, אברהם אבן עזרא, ר' חסדאי קרשקש ביז דון יצחק אברבנאל און ר' אברהם זכות־זאקוטא, האָט זיך געצויגן די גאָלדענע קייט פון די גרויסע אידישע געלערנטע, דיכטער, הויכע מלוכה־לייט אין די קעניגלעכע הויפן, און אויך די גרעסטע אידישע מעדיצינער און געאָגראַפן. שפּאַניע און פּאָרטוגאַל האָבן געשמט מיט די גרויסע אידישע קהלות און אַריסטאָקראַטישע אידישע פאַמיליעס. אין יעדן קעניגלעכן הויף איז געווען אַ אידישער מיניסטער, וואָס האָט זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן לטובת דער מלוכה. די מלוכה־אוצרות זיינען פון די אידן איבערפולט געוואָרן מיט גרויסע פאַרמעגנס. און דאָך — און דאָך איז געקומען דאָס, אויף וואָס קיינער האָט זיך פריער ניט געקענט ריכטן. פון אַט־דער שפּאַניע, וואָס זאָגאַר ביי דעם לעצטן קעניגלעכן פּאָר, פערדינאַנד און איזאַבעלא, האָבן די אידן געדינט זייער געטריי, און דער אידישער מלוכה־מאַן דון יצחק אברבנאל האָט וואונדער אויפגעטאָן, איז געקומען דער טראַגישער גירוש. די אידן האָבן געמוזט נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין דער האַנט אריין און ווייטער וואַנדערן.

אין דער זעלביקער צייט, ווען עס איז פאָרגעקומען דער גירוש פון שפּאַניע, און מיט 5 יאָר שפּעטער, אויך דער גירוש פון פּאָרטוגאַל, האָט זיך אין אייראָפּע אָפּגעשפּילט נאָך אַ וויכטיקע געשעעניש, וואָס האָט אויך באַקומען אַ השפּעה אויף דער אַמעריקאַנער איינוואַנדערונג. די דערפינדונג פון דרוק האָט געבראַכט צו אַ ברייטער פאַרעפענטלעכונג און

פאַרשפּרייטונג פון אַנטי־אידישע אויסגאַבן. מאַרטין לוטער, דער פאָטער פון דער דייטשער רעפאָרמאַציע, וועלכער האָט געשטרעבט צו רעפאָרמירן די קאַטוילישע אמונה, האָט פון אָנהויב געהאָפט אָפּצושמדן די אידן. ער האָט דעריבער אָנגערופן די שונאי־ישראל „די גראָבע אייזל־קעפּ". ווען ער האָט אָבער זיך אַרומגעזען, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות, האָט ער זיך געוואָרפן מיט שוים און זידלערייען אויף די אידן. ער האָט גענומען פאַרשפּרייטן אַלערליי שענדלעכע בלבולים פון מיטלאַלטער און ער האָט אויפגעפאָדערט זיינע אָנהענגער צו פאַרברענען די אידישע שולן. די ניי־אַנטדעקטע דרוק אין דייטשלאַנד האָט געבראַכט דערצו, אַז עס זאָלן באַלד אָפּגע־דרוקט ווערן די אויפרייצנדיקע ווערק פון יאָהאַן פעפערקאָרן, וויקטאָר קאַרבען, אַנטאָניוס מאַרגאַריטאַ, מאַרטין בוטצער און פיל אַנדערע, וועלכע זיינען ברייט פאַרשפּרייט געוואָרן, שאַפנ־דיק אַ „געזונטן באָדן" פאַרן איצטיקן מצב אין היטלער־דייטש־לאַנד.

איידער מיר וועלן שילדערן אויספירלעכער די פּליכטלינגס־עפּאָפּעע אין דער אידיש־שפּאַנישער תקופה און איר צוזאַמענ־האַנג מיט דער איינוואַנדערונג און פּיאָנערישן אויפבוי אין דער נייער וועלט, נאָכדעם ווי זי איז אַנטדעקט געוואָרן דורך קריס־טאָפאָר קאָלאָמבוס, — איז זייער וויכטיק זיך צו באַקענען מיט אייניקע טרוקענע, כראָנאָלאָגישע דאַטעס פון דער צייט, ווען עס האָבן זיך אָפּגעשפּילט די צוויי וויכטיקע היסטאָרישע גע־שעענישן, — דער גירוש פון שפּאַניע און די אַנטדעקונג פון אַמעריקע.

1) דעם 31־טן מערץ 1492 איז פון שפּאַנישן קעניגלעכן הויף אַרויסגעגעבן געוואָרן פאָלגנדיקע גירוש־גזירה:

„אַלע אידן, מענער, פרויען און קינדער, מוזן, אין פאַרלויף פון פיר מאָנאַטן צייט, פאַרלאָזן אַלע לענדער, וועלכע געהערן צו דער שפּאַנישער מלוכה. דער איד, וואָס וועט פאַרבלייבן אין לאַנד נאָך דער באַשטימטער צייט, וועט געטויט ווערן. די אַרויסגעטריבענע אידן טאָרן ניט מיטנעמען קיין גאָלד, זילבער,

אָדער געלט. די אידן אָבער, וואָס וועלן זיך שמדן און וועלן ווערן גוטע קאַטאָליקן, קענען פאַרבלייבן אין לאַנד".

2) אַ מאָנאַט שפּעטער, דעם 30־טן אַפּריל, האָט קריסטאָ־פאָר קאָלאָמבוס באַקומען פון שפּאַנישן קעניגלעכן פּאָר, פער־דינאַנד און איזאַבעלאַ, זייער הסכם אויף מאַכן זיין אַנטדעקונג־נסיעה אין דער נייער וועלט.

3) דאָנערשטיק, תשעה־באב, דעם 2־טן אויגוסט פון זעלבן יאָר, איז פאָרגעקומען דער שרעקלעכער גירוש־חורבן פון העכער דריי הונדערט טויזנט אידן. מען האָט ניט געשאָנעוועט קיין קראַנקע, אַלטע לייט און זויג־קינדער. אַלע האָבן געמוזט פאַר־לאָזן דאָס לאַנד, ניט האָבנדיק קיין ציל און ניט וויסנדיק וואו־הין צו גיין.

4) צומאָרגנס, פרייטיק דעם דריטן אויגוסט, האָט קאָלאָמ־בוס אָנגעהויבן זיין עקספּעדיציע מיט דריי שיפן און מיט אַ מאַנשאַפט פון קנאַפּע 100 מאַטראָסן. דער מאַראַן ראָדערינאַ דע טריאַנאַ, איינער פון די מאַטראָסן, האָט דער ערשטער דער־זען און אויסגערופן: „לאַנד!". עס איז געווען דעם 12־טן אָק־טאָבער 1492. מיט דעם דאָזיקן טאָג אָן, הויבט זיך אָן די גע־שיכטע פון דער נייער וועלט בכלל, און פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון נאָרד אַמעריקע בפרט.

פאַר אונז איז אָבער באַזונדערס וויכטיק דער פאַקט, וואָס אין זעלביקן טאָג, ווען קאָלאָמבוס האָט אַנטדעקט דעם ערשטן אַמעריקאַנער אינזל — קובאַ, האָט זיך אויך שוין באַלד אָנגע־הויבן די געשיכטע פון דער אידישער איינוואַנדערונג אין דער נייער וועלט. ווייל מיט קאָלאָמבוסן און באַלד נאָך אים, זיינען אַהערגעקומען די ערשטע אידישע מאַראַנען פליכטלינגע פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל און זיינען געווען די ערשטע אידישע איינוואַנדערער. זיי האָבן אַנטוויקלט אַ פּיאָנערישע אויפבוי־טעטיקייט אין דער קאָלאָניאַל־ווירטשאַפט און אין אינטערנאַ־ציאָנאַלן פאַרקער און וועלט־האַנדל. אין דער געשיכטע־וויסנ־שאַפטלעכער וועלט, ווי אויך ביי די פּראָמינענטע שפּאַנישע און אַמעריקאַנער היסטאָריקער, איז עס אַ זיכערער פאַקט, אַז

דער גירוש-שפּאַניע האָט זייער שטאַרק געווירקט און באַאיינ-פלוסט די אַנטדעקונג פון אַמעריקע. דער באַרימטער אַמערי-קאַנער היסטאָריקער און ביאָגראַפיסט פון קאָלאָמבוסן, טשאַרלס עדוואַרד ראַססעל איז איבערצייגט אין דעם, אַז דורך אַן אינ-טערעסאַנטן שפּיל פון אידישן שיקזאַל, האָבן אידן באַלד פון אָנהויב אָן געהאַט אַ זייער נאָענטן שייכות צו דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע. עס איז וויכטיק צו וויסן, אַז אין דער שטענדיקער דעבאַטע צווישן די איטאַליענער און שפּאַניער וועגן דעם, ווער פון די צוויי נאַציעס האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן קאָלאָמבוסן, און די איטאַליענער האָבן אויפן „קאָלאָמבוס-סירקל" אַוועק-געשטעלט אַ קאָלאָמבוס-מאָנומענט, געזאַמלט פון פאָלקס-פאָנדן, זיינען מיר אידן אַ וויכטיקער „דריטער צד". „נים בלויז שפּאַ-ניע און פּאָרטוגאַל, נאָר די גאַנצע וועלט איז שולדיק די אידן אַ גרויסן חוב — שרייבט טשאַרלס עדוואַרד ראַססעל — די אידן האָבן עס מעגלעך געמאַכט אָט-די היסטאָרישע רייזע. די אידן זיינען אויך געווען די פּיאָנערן אין דער נייער וועלט און האָבן דאָרט פאַרשפּרייט ווירטשאַפטס-קולטור און ציוויליזאַציע. מיט דעם האָבן זיי רייך געמאַכט זייערע שטיף-פאָטערלענדער".

אין ניו-יאָרקער אידיש-טעאָלאָגישן סעמינאַר געפינען זיך די אָריגינעלע „אַסטראָנאָמישע קאַרטן", וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרן פון דעם באַרימטן אידישן געלערנטן און אַסטראָנאָם, דער גרעסטער מאַטעמאַטיקער אין 15-טן יאָרהונדערט, ר' אברהם זכות-זאַקוטאַ, פּראָפעסאָר פון סאַלאַמאַנקער אוניווער-סיטעט אין שפּאַניע און וועלכע זיינען דערנאָך איבערגעשריבן געוואָרן דורך זיין תלמיד און לייב-דאָקטער ביים פּאָרטוגעזישן קעניג זשואַן דער צווייטער, דר. יוסף וויצינו. די דאָזיקע „אַס-טראָנאָמישע קאַרטן" האָט זאַקוטאַ איבערגעגעבן קאָלאָמבוסן און זיי האָבן באַדייטנדיק מיטגעהאָלפן, אַז קאָלאָמבוס זאָל קע-נען אַנטדעקן די נייע וועלט. די שפּאַנישע היסטאָריקער, וועל-כע אַנערקענען דעם פאַקט, אַז קאָלאָמבוס האָט געשטאַמט פון אידן, שטיצן זיך טאַקע זייער שטאַרק אויף דעם, וואָס קאָלאָמבוס האָט זיך געפונען אין אַן אינטימער פריינטשאַפט

מיט די צוויי אידישע געלערנטע, זאַקוטא און וויזינו. דער אידישער גורל איז אָבער שוין אַזעלכער, אַז אַט־דער גאון און גרויסער אַסטראָנאָם, ר׳ אברהם זאַקוטאַ, וועלכער האָט מיטגע־האָלפן, אַז שפּאַניע און דערנאָך אויך פּאָרטוגאַל, זאָלן מיט זיין הילף אַריינקריגן די קאָלאָניעס פון דער אַנטדעקטער נייער וועלט — זאָל פאַרטריבן ווערן פון זיין געבורטס־לאַנד און זאָל מוזן זיינע אַלטע יאָרן פאַרברענגען אַלס פליכטלינג אין טערקיי. אויך אין די קעגנוואַרטיקע ליבעראַלע קריסטלעכע קרייזן באַציט מען זיך מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צו די מיינונגען פון די פאַרשיידענע היסטאָריקער, וועגן קאָלאָמבוסעס אידישער אָפּ־שטאַמונג. דאָס באַווייזט אַן אַרטיקל פון באַקאַנטן פירער פון ניו־יאָרקער ליבעראַלן פּראָטעסטאַנטיזם, רעוורענד דזשאָן היינס האָלמס („אָפּיניאָן״, אַפּריל 1940), וועלכער זאָגט, אַז די נייע רעזולטאַטן אין די פאָרשונגען וועגן נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם פון קאָלאָמבוס, לייקענען פולשטענדיק אָפּ דעם ראַסיסטישן אַנטי־סעמיטיזם, ווייל די גרעסטע אַנטיסעמיטן מוזן דאָך מודה זיין, אַז קאָלאָמבוס איז אַ גרויסע פּערזענלעכקייט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, און עס ווייזט זיך גאָר אַרוים, אַז די פּערזאָן, וואָס ווערט הויך געשעצט דורך די ראַסיסטישע אַנטיסעמיטן איז גאָר אַליין — אַ ראַסן־איד ! . . . דער דאָזיקער פאַקט האָט אין זיך געגוג דינאַמיט אויפצורייסן אַלע ראַסיסטיש־אַנטיסע־מיטישע שקרים. — פאַרענדיקט רעוורענד האָלמס זיין אַרטיקל.

די גרויסע היסטאָרישע פאַרדינסטן פון קאָלמבוסן איז באַ־שטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט אָנגעוויזן דעם וועג צו דער נייער וועלט. ער האָט אויך באַוויזן באַקאַנט צו ווערן מיט דער נייער וועלט גופא, אָבער אָנהויבן באַזעצן די ניי־אַנטדעק־טע וועלט מיט אייראָפּייער — דאָס איז אים שוין ניט באַשערט געווען. דאָס האָט מען געטאָן ערשט נאָך זיין טויט, ביסלעכ־ווייז, אין פאַרלויף פון לאַנגע צענדליקער יאָרן. עס איז אינ־טערעסאַנט דער פאַקט, וואָס נאָך קאָלאָמבוסעס אַנטדעקונג, האָט פּאָרטוגאַל פּראָטעסטירט קעגן דעם און דער פויפּסט האָט די נייע וועלט איינגעטיילט צווישן שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, ביידע

געטרייע „קריסטלעכע״ מלוכות. באַלד האָט דער פראַנצויזישער קעניג פראַנציסקאָ דער ערשטער דורכגעפירט אַן עקס־פעדיציע און אַנטדעקט אַמעריקאַנער אינזלען. פּאָרטוגאַל האָט קעגן דעם פּראָטעסטירט. דער פראַנצויזישער קעניג האָט אויף דעם געענטפערט: — ווייזט מיר אדם הראשונס צוואה, אַז נאָר איר אַליין זייט זיינע יורשים, כדי צו האָבן דאָס רעכט צו פאַרכאַפּן די נייע וועלט?

די שפּאַנישע אידן, אַרויסגעריסן פון זייערע היימלענדער, זיינען צושפּרייט געוואָרן אין אַלע טיילן פון דער וועלט. אַן ערך פון הונדערט טויזנט אידן האָבן באַקומען אַ דערלויבעניש צו בלייבן אין איטאַליע און אין אַנדערע לענדער ביים מיטל־לענדישן ים. דעם אידישן מלוכה־מאַן און גרויסן רעליגיעזן פילאָסאָף, דון יצחק אברבנאל, האָט דער שפּאַנישער קעניג געוואָלט דערלויבן צו בלייבן אין לאַנד, ווייל ער האָט אנערקענט זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער מלוכה. אָבער דער גרויסער צדיק האָט דערפון ניט געוואָלט וויסן. ער איז, צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע, אַוועק מיט די גולי־ספרד. ער האָט זיך באַזעצט אין נעאַפּאָל, וואו ער האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט מלוכה־ענינים. פון דאָרט איז ער אַוועק קיין סיציליע און קאָרפו, וואו ער האָט זיך, אין משך פון גאַנצע זיבן יאָר, געווידמעט דער רבניש־ליטעראַרישער טעטיקייט. אין סיציליען האָט זיך דאַ־מאָלט בכלל אַנטוויקלט גרויסע רבנישע ישיבות. מען דאַרף געדיינקען, אַז צווישן די גולי־ספרד זיינען געווען גרויסע תלמוד־יסטן און האָבן געהערט צו דער גייסטיקער אַריסטאָקראַטיע. פיל האָבן זיך באַזעצט אין האָלאַנד, דייטשלאַנד, פּוילן, טערקיי און אין די באַלקאַן־לענדער. זיי האָבן דאָרט אַנטוויקלט אַ ברייטן אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל. אַזוי איז באַקאַנט אַ וואָרט פון דעם טערקישן סולטאַן באיאזעט דער צווייטער, וועלכער האָט געזאָגט: „פערדינאַנד האָט רואינירט זיין אייגן לאַנד, כדי דערמיט צו שאַפן וואוילשטאַנד אין אונזערע לענדער״ . . .

אַן אַנדער טייל פון אָט־די אומגליקלעכע, די אַרויסגעטרי־

בענע האָבן זיך געלאָזט אין דער נייער וועלט אַריין, אין די ניי־אַנטדעקטע אינזלען אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט. זיי זיינען געווען די ערשטע ווירטשאַפטס־פּיאָנערן אויף די פאַרשיידענע אַמעריקאַנער אינזלען. באַלד מיט קאָלאָמבוסן איז אָנגעקומען קיין קובע, דער אידישער מאַראַן, לואי דע טאָרעס, וועלכער איז געווען דער איבערזעצער פון פאַרשיידענע שפּראַכן אין דער קאָלאָמבוס־עקספּעדיציע. ער איז שוין ניט צוריקגעפאָרן. ער האָט זיך באַזעצט אין קובע און זיך באַשעפטיקט מיט פלאַנצן טאַבאַק, ווערנדיק אויף אָט־דעם געביט אַ וויכטיקער פּיאָנער. דע טאָרעס איז בכלל געווען דער ערשטער ווייסער מענטש אויף דעם אינזל. אויך דער דאָקטער פון דער עקספּעדיציע, דער מאַראַן בארנאי, האָט זיך באַזעצט מיט אַ גרופּע אַנדערע מאַט־ראָסן אויף אַן אַמעריקאַנער אינזל און זיך דאָרט געווידמעט דער פּיאָנערישער אַרבעט אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט.

נאָכן גירוש פון די פּאָרטוגעזישע אידן, וואָס איז פאָרגעקומען, ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, מיט 5 יאָר שפּעטער פונעם שפּאַנישן גירוש, האָבן פיל פאַרטריבענע אידן זיך באַזעצט אויף די סט. טאָמאַס אינזלען אין וועסט־אינדיע און האָבן דאָרט געשאַפן די צוקער־ווירטשאַפט. אין 1550, ד. ה. אין 50 יאָר אַרום נאָכן גירוש, האָבן די אידן שוין דאָרט געהאַט 60 צוקער־פּלאַנטאַציעס, וועלכע האָבן יערלעך פּראָדוצירט ביז 50.000 צענטנער צוקער. די אידן זיינען אויך געווען די ערשטע ווירטשאַפטס־פּיאָנערן אויפן ניי־אַנטדעקטן בראַזילישן באָדן. זיי האָבן געבראַכט די צוקער־פּלאַנטאַציעס קיין בראַזיליע און האָבן דאָרט אַנטוויקלט גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע האַנדלס־ און עקספּאָרט־מעגלעכקייטן. די מאַראַנען־פליכטלינגע האָבן אויך גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער עקספּלואַטאַציע פון אַלע אַנדערע קאָלאָניאַל־ווירטשאַפטלעכע אוצרות, זיך באַשעפטיקט מיט קולטיווירן היילמיטל־פּלאַנצונגען, איידעלע מעטאַלן און אַנדערע קאָלאָניאַל־אַרטיקלען. צום העכסטן אויפבלי אין בראַזיליע איז געקומען אין 1624, ווען די קאָלאָניע איז אַריבערגעגאַנגען אין רשות פון האָלאַנד. אַ גרויסע צאָל

רייכע האַלענדישע אידען האָבן זיך אויך דאָרט באַזעצט און עס זיינען אַנטשטאַנען שולן און תלמוד־תורות און בכלל אַ רייך אידיש לעבן מיט גרויסע אידישע קהלות.

דאָס זעלביקע איז אויך געווען אין די ענגלישע און פראַנצויזישע וועסט־אינדישע קאָלאָניעס, וואו אידישע פליכטלינגע האָבן מיט פליים און ענערגיע געשאַפן גרויסע האַנדלס־ און אַגראַר־קולטורעלע צענטערס. די ענגלישע רעגירונג האָט געשלאָסן מיט די אידישע פּלאַנטאַטאָרן זייער וויכטיקע טראַנזאַקציעס. אין 1676 זיינען, יאָר־יערלעך אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין ענגלאַנד 400 שיפן מיט עקספּאָרט־פּראָדוקטן. און ווען די קריסטלעכע קאָנקורענטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין די ענגלישע קאָלאָניעס, האָבן זיך געוואַנדן צום ענגלישן גאָווערנאָר מיט דער פאָדערונג, אַז ער זאָל פון דאָרט פאַרטרייבן די אידן, האָט זיי דער גאָווערנער געענטפערט, אַז ער האַלט ניט דערפון, ווייל די אידן זיינען די בעסטע אונטערטאַנען. אויך אויף די פראַנצוויזישע קאָלאָניעס האָט מען געמאַכט מיט די אידישע פּיאָנערן זייער גוטע דערפאַרונגען. אין אַ באַריכט פון 1701 פון פּאַריזער האַנדלס־ראַט ווערט געזאָגט, אַז „פראַנקרייכס שיפּס־פאַרקער מיט די פראַנצוויזישע קאָלאָניעס, האָט מען צו פאַרדאַנקען דער עקזיסטענץ און גלענצנדיקער אַנטוויקלונג פון די צוקער־אינזלען, און נאָר דורך דעם קען מען דעם פאַרקער אויפהאַלטן און פאַרגרעסערן".

אויך אין די פאַרשיידענע זיד־אַמעריקאַנישע לענדער, ווי אַרגענטינע, טשילי און באָליוויע, זיינען פאַראַן זייער וויכטיקע סימנים, וועלכע ווייזן אָן אויף אַן איינגער שייכות מיטן אידישן שאַפונגס־גייסט און פּיאָנערישן אויפבוי פון די מאַראַנען, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין די דערמאָנטע לענדער, נאָכדעם ווי מען האָט זיי באַרויבט און אַרויסגעיאָגט פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. עס איז דעריבער צו באַגרייפן די אויפרעגונג פון די אייניקלעך פון דידאַזיקע מאַראַנען, בעת די האָלענדישע אינוואַזיע אין דידאָזיקע לענדער. זיי האָבן מיטגעהאָלפן, אַז האָלאַנד זאָל קענען פאַרטרייבן די פּאָרטוגעזער פון די זיד־אַמעריקאַ־

נישע לענדער און געטאָן האָבן זיי עס צוליב נקמה אין דער אינקוויזיציע, צוליב נקמה פאַר דעם אידישן בלוט, וואָס האָט זיך געגאָסן אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל אויף די שייטער־הויפנס און אין די אינקוויזיציע־קאַמערן. לויט אַ זייער אינטערעסאַנ־טער אויספאָרשונג, האָט מען לעצטנס פעסטגעשטעלט, אַז אין די אָדערן פון דער דרום־אַמעריקאַנישער אַריסטאָקראַטיע פליסט אידיש בלוט. עס איז אויך לעצטנס ערשט פעסטגעשטעלט גע־וואָרן, אַז דאָס צושטאַנדקומען פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין סאַן־דאָמינגאָ איז אַדורכגעפירט געוואָרן נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס אין די אָדערן פון גאַר־פרומע קאַטאָליקן, וועלכע זיינען אָנ־געזעענע בירגער, פליסט אידיש בלוט און זיי האָבן אַ סענטי־מענט צו וועלן העלפן די היטלעריסטישע קרבנות.

דאָס אומגליקלעכסטע לאַנד אין דער נייער וועלט איז געווען מעקסיקע, וואָס איז די גאַנצע צייט געבליבן ביי די שפּאַניער אין די הענט און די טאָרקוועמאַדאָס האָבן דאָרט אַהין אויך גע־בראַכט זייער „ציוויליזאַציע" פון פאַרברענען אידן אויף די שייטער־הויפנס. עס זיינען באַקאַנט טרויעריקע פאַלן פון דער צייט, צווישן 1574 און 1599, ווען עס זיינען פאַרברענט געוואָרן אידן־מאַראַנען אין מעקסיקע, וועלכע האָבן, טראָץ אַלע צרות, אָפּגעהיט שבת און יום־טובים. אָט דאָס דאָזיקע מעקסיקע האָט אויך לעצטנס געמאַכט אַ פאָרשלאָג די פאַראַנטוואָרטלעכע אי־דישע קרייזן, וועלכע באַשעפטיקן זיך מיט קאָלאָניזאַציע ענינים, אַז מען זאָל דאָרט אָרגאַניזירן אידישע קאָלאָניעס, מיטן באַדינג, אַז די אידישע קאָלאָניסטן זאָלן חתונה האָבן מיט מעקסיקאַ־נישע טעכטער און אַזוי אַרום זאָל אידיש בלוט אַריינקומען אין די אָדערן פון מעקסיקאַנישן פאָלק.

1654 — די ערשטע אידישע איינוואַנדערער אין ניו־יאָרק

עס איז איינע פון די מערקווירדיקסטע געשעהעענישן אין דער אידישער געשיכטע און בכלל פון אייראָפּייאישן ליבעראַליזם און דעמאָקראַטיע, וואָס גראַד דאָס קליינע האָלאַנד האָט באַקומען אַן איינפלוס ביי דער אַנטשטייאונג פון אינזל מאַנהעטן, וועל־כער איז דער נאָך אויסגעוואָקסן צו דער וועלט־באַרימטער וואונ־דערלעכער מעטראָפּאָליע — ניו־יאָרק. מען דאַרף וויסן, אַז אין מיטלאַלטער זיינען אַלע לענדער געווען פול מיט אידן־פאַר־פאָלגונגען, און בלויז איין לאַנד איז געווען פאַר אידן אַן אויס־נאַם. דאָס איז געווען — האָלאַנד! איבעראַל, וואו עס האָט געפלאַטערט די האָלענדישע פאָן, האָט זיך דער איד געפילט זיכער. ווען מען רעדט וועגן די פאַרשיידענע פאַקטאָרן, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן אין דער אַנטוויקלונג פון דער מערבדיקער ציוויליזאַציע, מאַכט מען ניט קיין גרויסן וועזן פון דעם ליבע־ראַלן און פּראָגרעסיוון פאָלק אין האָלאַנד. מיר פאַרגעסן כמעט אינגאַנצן אַז אַחוץ דער שווייץ, איז האָלאַנד געווען דער פּיאָ־נער פון דעמאָקראַטישער רעגירונגס־פאָרם. מיר פאַרגעסן, אַז דאָ אין אַמעריקע, האָט מען נאָכגעטאָן האָלאַנד דורך דער אייגענער רעגירונגס־פאָרם, און אַז אין אַ וועלט, וואָס איז פאַר־סמט פון רעליגיעזן האַס, איז האָלאַנד געווען כמעט די איינציקע מדינה, וואָס האָט אַרויסגעוויזן טאָלעראַנץ. די טויערן פון האָ־לאַנד זיינען געשטאַנען ברייט געעפנט פאַר די פאַרפאָלגטע און געטריבענע, און דעריבער האָט זיך דאָרט באַזעצט אַ גרויסע צאָל אידן. אַמסטערדאַם איז אינגיכן באַוואוסט געוואָרן אַלס דאָס נייע ירושלים.

אויך אין די בראַזילישע קאָלאָניעס, וועלכע האָבן זיך גע־פונען אונטער דער האָלענדישער שוץ, האָבן זיך שוין, ווי עס איז פריער געשילדערט געוואָרן, געפונען רייכע אידישע קהלות

פון די פריערדיקע מאַראַנען, וועלכע האָבן ענגערע באַ־ציאונגען מיטן האָלענדישן אידנטום. ווען אָבער די האָלענדישע אידן האָבן זיך דערוואוסט, אַז בראַזיליע מוז צוריקגעגעבן ווערן צו פּאָרטוגאַל און עס ווערט דאָרט געשאַפן אַן אינקוויזיציע, אַזוי ווי אין פּאָרטוגאַל, האָט מען באַלד אין אַמסטערדאַם אָנגע־הויבן איבערפירן די בראַזילישע אידן אין אַנדערע וועסט־אינ־דישע קאָלאָניעס, און עס איז אויך אויפגעקומען אַ פּלאַן צו באַ־זעצן מיט מאַראַנען די האָלענדישע קאָלאָניעס „ניי־נידערלאַנד" און „ניי־אַמסטערדאַם", ד. ה. די איצטיקע ניו־דזשוירזי און ניו־יאָרק. מען דאַרף וויסן, אַז די פּאָרטוגעזישע רעגירונג האָט ספּעציעל צוגעאיילט מיטן איינאָרדנען אַן אינקוויזיציע מיט שייטערהויפנס אין בראַזיליע, ווייל זי האָט געוואָרפן אַן אויג אויף די פאַרמעגנס פון די דאָרטיקע רייכע אידן, און דעריבער האָט מען זיי געוואָלט דורך פאַרשיידענע בלבולים שלעפּן צו דער אינקוויזיציע, כדי מען זאָל האָבן אַן אויסרייד צו קענען קאָנפיסקירן זייערע פאַרמעגנס און אָנפילן די מלוכה־קאַסעס מיט אידיש געלט. דאָס דאָזיקע מיטל ווערט אין יעדער צייט, אַזוי אין מיטלאַלטער און אַזוי אויך אין 20־טן יאָרהונדערט, אָנגעווענדט פון יעדער אַנטיסעמיטישער רעגירונג. די אידן זאַמלען אָן מיט ענערגיע און אונטערנעמונגס־גייסט גרעסערע קאַפּיטאַלן, קומט מען מיט פאַרשיידענע בלבולים און מען קאָנ־פיסקירט עס.

עס האָט זיך אָנגערוקט דאָס יאָר 1654. דער ערשטער אידישער איינוואַנדערער אין ניי־אַמסטערדאַם, ד. ה. אין ניו־יאָרק, איז געווען דער בראַזילישער פליכטלינג יעקב באַרסאַמ־סאָן אָדער, ווי מען וואָלט אים גערופן אין העברעאיש, יעקב בר שמשון, יעקב דער זון פון שמשון. ער איז אַרויסגעפאָרן פון בראַזיליע דעם 8־טן יולי און איז אַהערגעקומען דעם 22־טן אוי־גוסט. מיט 9 חדשים שפּעטער זיינען אָנגעקומען מיט דער שיף „סט. קעטערין" 23 פליכטלינגע פון בראַזיליע, מענער און פרויען און קינדער, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון דער פּאָרטוגע־זישער פאַרפאָלגונג. זיי האָבן זיך קוים דערשלעפּט אַהער, אָנ־

קומענדיק אָרעם, נאַקעט, קוים מיט נשמות, און באַלד איז אַנט־שטאַנען די אַלטע און אייביק־נייע אידן־פראַגע. דער האָלענ־דישער גאָווערנאָר אין ניי־נידערלאַנד, דער שטרענג־פרומער, פּיטער סטייוועסאַנט, האָט ניט געוואָלט אַריינלאָזן אין דער האָ־לענדישער קאָלאָניע אַנדערש־גלויביקע וואַנדערער, און ער האָט געמאַכט די ניי־איינגעוואַנדערטע אידן פאַרשיידענע שוועריקייטן.

די אידישע וואַנדערער האָבן זיך געווענדט צו די רייכע אידן אין אַמסטערדאַם וועגן הילף, און עס איז געקומען צו אַ קאָנפליקט אין אַמסטערדאַם, צווישן די דאָרטיקע רייכע אידן מיט די גענעראַל־דירעקטאָרן פון דער האָלענדישער וועסט־אינדישער האַנדלס־קאָמפּאַניע, וועלכע איז געווען די באַזיצערין פון דער האָלענדישער קאָלאָניע אין „ניי־נידערלאַנד". די רייכע אידן האָבן געדראָט, אַז זיי וועלן צוריקציִען זייערע קאַ־פּיטאַלן, וואָס זיינען אינוועסטירט ביי דער זעלביקער האַנדלס־קאָמפּאַניע, אין פאַל די אידישע איינוואַנדערער וועלן ניט אַריינגעלאָזן ווערן און וועלן ניט באַקומען די זעלביקע רעכט, וואָס אַלע אַנדערע בירגער אין דער קאָלאָניע. די אַמסטערדאַ־מער גענעראַל־דירעקטאָרן האָבן ניט געוואָלט פאַרלירן די רייכע אַמסטערדאַמער אידן, און פון דער אַנדערער זייט, זיינען זיי דאָך אַליין אויך ליבעראַלע האָלענדער, האָבן זיי אויפגעפאָדערט דעם גאָווערנאָר, ניט צו מאַכן קיין שוועריקייטן די ניי־איינגע־וואַנדערטע אידן, און זיי זאָלן האָבען, ווי אַלע אַנדערע, רעליגיע־זע און ציווילע פרייהייטן. זיי זיינען אָהערגעקומען רייך צו מאַכן דאָס לאַנד, דאַרף מען זיי דערצו געבן אַ געלעגנהייט, מיטן איינציקן באַדינג אָבער, אַז די אידן זאָלן ניט פאַלן צו לאַסט די עפנטלעכע איינריכטונגען. דער האָלענדישער גאָווערנאָר האָט אָבער געמאַכט די אידן וייטערדיקע שוועריקייטן. ער האָט זיי ניט געוואָלט דערלויבן צו דאַווענען בצבור (מיט אַ מנין), צו קויפן הייזער, צו היטן די וואַנט, וועלכע די אַנדערע בירגער האָבן געהיט, בייטנדיק זיך ביי אַ ספּעציעלער וואַך, כדי זיך צו וואָרע־נען פון אַן איבערפאַל מצד די אינדיאַנער און ער האָט אויף

די אידן אַרויפגעלייגט אַ ספּעציעלן שטייער. דער גאָווערנאָר סטייוועסאַנט האָט געמאַכט אַ גרויסן טעות, ווען ער האָט גע־מיינט, אַז עס וועט אים געלינגען צו באַגרעניצן די רעכט פון די פּריעדיקע מאַראַנען. זיי זיינען געווען זייער ענערגיש און זיי האָבן ניט געוואָלט מוותר זיין אויף אַלע מעגלעכע רעכט, וואָס זיי האָבן געהאַלטן, אַז עס קומט זיי. פאַרשיידענע פּעטי־ציעס האָבן די מאַראַנען געשיקט צום גאָווערנאָר וועגן האַנדלס־רעכט אין ניו־יאָרק און אין אַנדערע שטעט, וואָס געהערן צו די האָלענדער. אויך זיינען אַוועק אַנקלאַגעס צו די גענעראַל־דירעקטאָרן קעגן גאָווערנאָר און דער סוף איז געווען, אַז די גענעראַל־דירעקטאָרן האָבן, איבערן קאָפּ פון זייער גאָווערנאָר, געגעבן די אידן די געהעריקע רעכט, וואָס עס האָבן אַלע אַנדע־רע איינוואוינער פון דער קאָלאָניע, און די אידן זיינען אַריינגענומען געוואָרן אין דער „בירגער־וואַך".

אין דעם 21־טן אַפּריל 1657, ד. ה. נאָך קנאַפּע דריי יאָר קאַמף, איז געקומען דער ערשטער היסטאָרישער דעקרעט, וואָס האָט געגעבן בירגער־רעכט די אידן אין ניו־יאָרק. מיר באַגע־גענען שוין דעם ערשטן אידן, אשר לוי, אַלס אַ לאָיער. אידן האָבן געהאַנדלט מיט די אינדיאַנער. די מאַראַנען, וועלכע זיי־נען וואָס ווייטער אַלץ מער און מער געקומען אַהער אויף באַ־זעצן זיך אין דער נייער וועלט, האָבן געהאַט פיל מוט און בטחון. זיי האָבן דאָ צוריק אַנגענומען די אידישע אמונה אויף אַן אָפי־ציעלן אופן און גענומען לעבן אַלס פרייע אידן. זיי האָבן מיט גרויס אָפּטימיזם אַרויסגעוויזן אַ פּיאָנערישן אונטערנעמונגס־גייסט אין אַלע געביטן פון אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל, און אין 1680 האָט מען אין ניו־יאָרק שוין געגרינדעט די ערשטע שול פון די ספרדים, די „שארית ישראל" שול.

די אידן האָבן געבראַכט די יונגע קאָלאָניעס אַסך נוצן, כאָטש די קאָלאָניעס האָבן זיך אַ לאַנגע צייט פון דעם ניט וויסנ־דיק געמאַכט. די אידן זיינען געקומען קיין אַמעריקע מיט גרוי־סער קאָמערציעלער דערפאַרונג. די אַנדערע פּיאָנערן, וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט אויסהאַקן וועלדער, בויען וועגן און

פֿאַרטיידיקן זיך קעגן די ווילדע אינדיאַנער שבטים, האָבן צו־ערשט ניט געהאַט קיין צייט זיך אָפּצוגעבן מיט מסחר. אין יעדן פּאָרט בײַם ים זײַנען עס געווען די אידן, וואָס האָבן פֿאַרמאָגט אי דעם נויטיקן קאַפּיטאַל, אי אונטערנעמונגס־גײַסט, אי דער־פֿאַרונג, אי געוואַגטקייט, און זײַנען געווען די סוחרים, די גע־שעפֿטסלײַט. אַזוי האָט אהרן לאָפּעז פֿון ניופּאָרט אין 1772 פֿאַרמאָגט גאַנצע 27 זעגלשיפֿן, און אייניקע פֿון זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט געיעג אויף וואַלפֿיש.

אין ניו־יאָרק איז דער גרעסטער סוחר געווען היימאַן לוי. ער איז רײַך געוואָרן פֿון האַנדלען מיט אינדיאַנער. אָבער ער האָט מיט זיי געהאַנדלט גאַנץ אַנדערש פֿון די איבעריקע ווײַסע סוחרים. ער איז זיך מיט זיי באַגאַנגען אַזוי אָרנטלעך, אַז זיי האָבן אים געטרויט מער, ווי וועלכן עס איז אַנדערן געשעפֿטס־מאַן. און ניט נאָר האָבן זיי אים געטרויט, — זיי האָבן אים פּשוט פֿאַרגעטערט. מען דערציילט, אַז ער האָט פֿאַרמאָגט אַ גאַנצע רייע הײַזער אויף הײַנטיקער ביוועער סטריט, און אַז ער האָט, וואָס עס איז אפֿשר נאָך וויכטיקער, איבערגעלאָזט נאָך זיך אַן אָנדענק פֿון אַ גוטמוטיקן אַלטיטשקן, וועלכער האָט ליב געהאַט יעדן אַ טובה טאָן און וועלכן אַלע האָבן שטאַרק ליב געהאַט.

די אידן האָבן געהאָלפֿן זייערע מיטבירגער אין אַלע גע־זעלשאַפֿטלעכע טעטיקייטן און די קריסטלעכע שכנים האָבן זיי, ווילנדיק ניט ווילנדיק, גענומען וואָס ווײַטער אַלץ מער רעס־פּעקטירן. עס האָט זיך אַמאָל געטראָפֿן, אַז די אידן האָבן פּשוט פֿאַרשעמט די קריסטן מיט זייער טאָלעראַנץ. אַזוי, צום בײַ־שפּיל, האָט איינער פֿון די אידן, וואָס איז שטאַרק פֿאַרפֿאָלגט געוואָרן פֿון גאָווערנאָר סטײַוועסענט, געווען דער יעניקער, וואָס האָט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער מנדב געווען אַ באַדײַטנדיקע סומע געלט צו העלפֿן בויען די ערשטע פּראָטעסטאַנטישע קירך אין ניו־יאָרק. נאָך אַ וויכטיקע זאַך האָבן די אידן אויפֿגעטאָן: זיי האָבן צושטערט דאָס אײַנרײַדעניש, אַז אַ איד, וואָס איז געטרײַ זײַן אמונה, קען ניט גלײַכצײַטיק זײַן געטרײַ זײַן לאַנד.

זיי האָבן איבערצייגט זייערע קריסטליכע מיטבירגער, אַז די אידן קענען אויך זיין און זיינען טאַקע געוואָרן, ערשט־קלאַסיקע, איבערגעגעבענע אַמעריקאַנער אין אַמעריקע. נאָך אַן אינ־טערעסאַנטע באַמערקונג מוז דאָ געמאַכט ווערן וועגן די אידן. זייער איינפלוס און וויכטיקייט אין אַ געמיינדע איז שטענדיק גרעסער, ווי מען וואָלט פון זיי געקענט פאָדערן, לויט זייער פּראָפּאָרציע צו דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

מיטן איבערגאַנג פון אינזל מאַנהעטן פון די האָלענדער צו די ענגלענדער, האָט דער אינזל שוין באַקומען דעם איצטיקן נאָמען ניו־יאָרק, און אין 1685 האָבן אידישע איינוואוינער אָפּ־געגעבן אַ פּעטיציע צום ענגלישן גאָווערנאָר דאָנקאָן, אַז ער זאָל זיי דערלויבן צו בויען אַ ספּעציעלע געביידע פאַר אַ שול. זיי האָבן די דערלויבעניש באַקומען און אין 1691 האָט מען שוין די שול געבויט. אין 1695 זיינען אין ניו־יאָרק געווען 20 אידישע פאַמיליעס מיט 100 נפשות. די אידן זיינען פון אַלע אַנדערע זייער געשעצט געוואָרן. זיי האָבן אַרויסגעוויזן גרויסע גע־וואַגטקייט און פּיאָנערישן אונטערנעמונגס־גייסט. אַ זייער כאַ־ראַקטעריסטישער פאַל האָט זיך אָפּגעשפּילט אין סאַוואַנאַ, דזשאָרדזשיאַ, צווישן די קריסטלעכע איינוואָנדערער, וואָס זיי־נען אַהינגעקומען אין אָנהויב פון 18־טן יאָרהונדערט, איז אויס־געבראָכן אַן עפּידעמיע, וואָס האָט אָוועקגערויבט פיל קרבנות. דאָקטוירים זיינען דעמאָלט געווען אַ זעלטנהייט אין דער נייער וועלט. גראָד איז אין יאָר 1733 דאָרט דורכגעפאָרן אַ גרופּע אידישע איינוואָנדערער מיט אַ מאַראַן אַ דאָקטער, סעמיועל נו־נעזי. ער איז באַטראַכט געוואָרן פון דער גאַנצער באַפעלקערונג ווי אַ שליח פון גאָט. ער איז שוין ווייטער ניט געפאָרן. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין זיין הייליקער אויפגאַבע, און ער האָט אָפּגעשטעלט די עפּידעמיע. ער האָט געטאָן איבער־מענטשלעכע אַרבעט, בייטאָג און ביינאַכט. דער אידישער דאָקטער סעמיועל נונעזי איז אַריין אין דער געשיכטע פון דער שטאָט דזשאָרדזשיאַ, וואו ער ווערט מיט גרויס יראת הכבוד דערמאָנט אַלס אַ הייליגער, פון דער גאַנצער שטאָט, דערמיט

וואָס ער האָט פּאַקטיש איינגעשטעלט זיין אייגן לעבן, כדי צו ראַטעווען קראַנקע, אָן אונטערשייד פון רעליגיע און נאַציע, און אָפּצושטעלן די געפערלעכע, דראָענדיקע עפּידעמיע.

אין אַ צייט אַרום איז ניט בלויז דער איינפלוס, נאָר אויך די צאָל פון די אידן אין אַמעריקע באַדייטנדיק אויסגעוואַקסן. אין דזשאָרדזשיא האָבן זיי זיך אויסגעצייכנט אַלס געוואַגטע פּיאָנערן. אין פילאַדעלפיע זיינען די אידן געווען די הויפּט-הענדלער מיטן אויסלאַנד און גלאַט די לייטנדיקע גייסטער אין דער געשעפטס-וועלט. צום שלוס פון דריטן פערטל פון 18-טן יאָרהונדערט האָט טשאַרלסטאָן אין סאַוט קאַראָליינא פאַרמאָגט אַן ערך פינף הונדערט אידן. מען האָט זיי שוין גערן געהאַט. זיי זיינען געקומען, האָבן זיך דאָ באַזעצט, האָבן אויסגעבויט פאַר זיך וואוינונגען און האָבן ביסלעכוויז אָנגעקליבן פאַרמעגנס.

די ערשטע גרופּן פון די אידישע פליכטלינגע, געוועזענע מאַראַנען, האָבן זיך סיסטעמאַטיש אָנגעהויבן צו אַמעריקאַניזירן און אַריינצוקומען אין דעם אַמעריקאַנער קולטורעלן לעבן. דערצו איז דאַמאָלט פאָרגעקומען אַ זייער וויכטיקע געשעעניש. דער פאַקט, וואָס אין 1740 האָט דער ענגלישער פאַרלאַמענט אָנגענומען אַ געזעץ, וואָס האָט געגעבן בירגער-רעכט אַלע איינוואוינער אין די ענגלישע קאָלאָניעס. אין 1766 איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דער ערשטער ענגלישער מחזור פאַר ראש השנה און יום כפור, וואָס איז איבערגעזעצט געוואָרן דורך דעם חזן פון דער ספרדישער „שארית ישראל" שול, יצחק פינטאָ. עס איז אָבער באַלד אַנטשטאַנען אַ „קולטור-קאַמף", ווען דאָס לאָנדאָנער ראַבינאַט האָט זיך דערפון דערוואוסט, — איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַן איסור, אַז מען טאָר ניט דאַווענען פון דער ענגלישער איבערזעצונג. עס איז אויך באַלד אין אַמעריקע אַנטשטאַנען אַ חברה „מציון תצא תורה", וואָס האָט געפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע, אַז מען זאָל דאַווענען נאָר פון ריין-העברעאישן טעקסט, ווייל מען האָט דערין בכלל געזען אַ געפאַר פאַר דער דערהאַלטונג פון טראַדיציאָנעלן אידנטום. עס זיינען אָבער פאַראַן באַווייזן, אַז די וואַנדערנדיקע מגידים, וואָס האָבן באַ-

זוכט ניו־יאָרק פון ארץ־ישראל, אָדער פון די פאַרשיידענע וועסט־אינדישע קאָלאָניעס, האָבן געדרשנט אין האָלענדיש, אָדער שפּאַניש. אין 1778 איז שוין אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך אַ אידישן איינוואַנדערער אַ ענגלישע צייטונג אין ניו־דזשוירזי. דער אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר, דייוויד פראַנקס, האָט געשטאַמט פון אַן אָנגעזעהענער מאַראַנען־פאַמיליע, וואָס האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פון דער שטאָט סאַוואַנאַ, דזשאָרדזשיא. ער איז געווען פון די ערשטע אידן, וועלכע האָבן זיך בכלל אינטערעסירט מיט פּאָליטישע פראַגן. בעת דעם אויפשטאַנד קעגן די ענגלענדער, האָט פראַנקס געהאַט אין וואַשינגטאָנס אַרמיי דעם טיטל קאָלאָנעל. דער איינציקער אידישער קאָלאָנעל און דער העכסטער מיליטערישער טיטל צווישן די דאַמאָלט קעמפנדיקע אידישע מיליטער־אָפיצירן (דער טיטל קאָלאָנעל האָט די זעלביקע באַדייטונג, וואָס פּולקאָווניק אין פּוילן, אָדער אין צאַרישן רוסלאַנד).

אויך אין קאַנאַדע האָבן די פריערדיקע מאַראַנען געלייגט דעם יסוד פון דעם איצטיקן בליענדיקן אידנטום. אין 1768, נאָך די ענגליש־אַמעריקאַנישע קאַמפּן, האָבן זיך אין מאָנטרעאָל געפונען די אידן לאַזאַרוס דייוויס, אריאל גאַריסקי, שמואל יעקבס, שמעון לעווי, אברהם פראַנקס, פערנאַנדאַ דע פיניסיקי און לוי סאָלאָמאָן. דער לעצטער איז געווען זייער רייך. ער האָט אויך אָנגעקניפּט אינטערנאַציאָנאַלע האַנדלס־באַציאונגען מיט פאַרשיידענע אַנדערע קאָלאָניעס און לענדער. אין זעלביקן יאָר האָט זיך אויך געעפנט די ערשטע שול „שארית ישראל”, וואָס האָט געהאַט דעם ספרדישן נוסח, ד. ה. לויט ווי עס האָבן געדאַוונט די שפּאַניאָלישע אידן אין מאָנטרעאָל.

אַ באַזונדער אייגנאַרטיקער קאַפּיטל אין דער אידיש־אַמעריקאַנישער איינוואַנדערונג איז דאָס לעבן פון די שוואַרצע אידן אין אַמעריקע, און באַזונדערס אין ניו־יאָרק. שוין דער פריערדערמאָנטער דון יצחק אברבנאל, דער שפּאַנישער פינאַנץ־מיניסטער, גרויסער אידישער געלערנטער און רעליגיע־פילאָסאָף, ברייינגט אין זיינע ווערק ידיעות וועגן די שוואַרצע אידן,

מיט וועלכע ער האָט זיך אין לעבן געטראָפן. אין 1569 האָט א גרויסער רב ר׳ זכריה בן סעדיהו געמאַכט אַ נסיעה איבער די פאַרשיידענע וועסט-אינדישע קאָלאָניעס און ער האָט אָרגאַניזירט די שוואַרצע אידן, וועלכע געפינען זיך אויך אין עגיפּטן און אין די קאָנגאָ-אינזלען, תימן און אין אינדיען. צווישן זיי געפינען זיך אויך פיל גרים. אויך אין ניו-יאָרק זיינען פאַראַן צוויי געמיינדעס, וועלכע האַלטן זיך ביים טראַדיציאָנעלן אידנטום, „בית בני ישראל" און „בני ישראל". איין ראַביי רופט זיך אַרנאָלד ישעיהו פאָרד, און דער צווייטער — מרדכי הערמאַנס. ביידע זיינען געבוירענע פון די שוואַרצע אידן און האָבן זייער פריינטלעכע באַציאונגען מיט די נעגער, האַלטן פאַר זיי ביבל-לעקציעס און וועגן אַנדערע פראַגן פון אידישער עטיק. זיי גלויבן, אַז זיי שטאַמען פון די פאַרלוירענע 10 שבטים. אַזאַ גלויבן איז אויך פאַראַן ביי פאַרשיידענע טיילן פון די אינדיאַנער גופא. די שוואַרצע אידן געהערן אין באַגדאַד צו די גרויסע ביינוול-פּלאַנטאַטאָרן און פירן באַדייטנדיקע האַנדלס-אונטערנעמונגען.

שוין די ספרדישע אידן האָבן באַלד נאָך זייער באַזעצן זיך אין אַמעריקע, געהאַט ענגערע באַציאונגען מיט ארץ ישראל. ווי דער באַקאַנטער וויסנשאַפטלער יצחק ריבקינד גיט איבער, האָט אין 1781 די אידישע קהלה אין ניו-פּאָרט באַקומען אַ בריוו פון חברון וועגן געלט-אונטערשטיצונגען. אַזוי ווי דער בריוו איז געווען געשריבן אין העברעאיש, האָט עס איבערזעצט דער קריסטלעכער גייסטלעכער און אָריענטאַליסט עזרא סטיילס, דער פּרעזידענט פון יעיל-אוניווערסיטעט. מר. ריבקינד האָט אויך אַ רייע פאַקטן, אַז אין יאָר 1833 האָט מען געבראַכט ארץ ישראל ערד, וואָס איז געווען אַ זייער חשובער אַרטיקל ביי די ספרדישע אידן. אויך האָט מען אין 1848 געבראַכט אַהער 32 פעסער ארץ ישראל וויין פון דער דאָרטיקער פּראָדוקציע. עס איז באַקאַנט דער פאַקט, אַז דער הויכער אידישער פלאָט אָפיציר, אריה פיליפּס לוי, דער קעפּטיין פון אַן אַמעריקאַנער קריגס-שיף, האָט בעת אַ נסיעה פון ארץ ישראל

קיין אַמעריקע מיטגעבראַכט ארץ ישראל ערד פאַר דער ספרדי־שער שול „שארית ישראל". דער פלאָט־אָפיציר אריה פּיליפּס לוי, וועלכער איז אַליין געווען אַ שפּאַנישער מאַראַן, האָט פיל מיטגעהאָלפן אויפצובויען דעם יונגן אַמעריקאַנער פלאָט און ער האָט באַקומען די העכסטע ים־מיליטערישע טיטלען.

אין אַמעריקאַנער געריכטס־וועזן האָבן געשפּילט אַ זייער באַדייטנדיקע ראָלע אַ פאָטער מיט אַזון, אַלבערט און בענדזשאַמין קאָרדאָזאָ. ביידע זיינען געווען ריכטער אין די סופרים־קאורטס אין ניו־יאָרק און אין וואַשינגטאָן און זיי זיינען געווען דער שטאָלץ פון אַמעריקעס גערעכטיקייט. די קאָרדאָזאָס האָבן געהערט צו די אָנגעזעענסטע שפּאַניש־אידישע פאַמיליעס, וואָס זיינען אַהערגעקומען נאָך פאַר דער רעוואָלוציע. זייער עלטער־זיידע, מאָזעס סעיזאַס, איז געווען אַ רב אין דער געמיינדע פון ניו־פּארט און איז געווען פערזענלעך באַפריינדעט מיט וואַשינג־טאָן.

באַדייטנדיקע מיליטער־פירער אין דער אַמעריקאַנער אַר־מיי האָבן ארויסגעגעבן די מאַראַנען־פאַמיליעס ליוויי, האַרט, פּיליפּס, וואָלף א.א., וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין פאַר־שיידענע מלחמות און געהאַט גרויסע דערפאָלגן.

1772 — פּאָליאַקן און פּוילישע אידן
בעת דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע

ביי אַ טייל פון די, וועלכע אינטערעסירן זיך מיט דער געשיכטע פון דער אידישער איינוואַנדערונג קיין אַמעריקע, איז פאַראַן אַ מיינונג, וואָס שטיצט זיך אויף באַגלויבטע קוועלן, אַז סיי אין דער איינוואַנדערונג און סיי אין קאַמף פאַר אַמעריקאַנער פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט, האָבן די פּוילישע אידן זיך דעראָרבערט די בכורה צווישן די אַזוי גערופענע אשכנזישע אידן. אַזוי האָט אין 1712, אַ קריסטלעכער געלערנטער רעווערענד דזשאָן שאַרפּ געשריבן אַ בריוו פון ניו־יאָרק צו זיינע אייראָפּייאישע פריינט, אַז ער האָט דאָ געטראָפן אַ סך גייסטרייכע פּוילישע אידן. עס איז אויך פון אים געבליבן אַ בריוו פון זעלביקן יאָר, אין וועלכן ער ווענדט זיך צו די אַמעריקאַנער קריסטלעכע פריינט, אַז זיי זאָלן עפענען אַ סקול נעבן דער ניו־יאָרקער ביבליאָטעק, און ער שרייבט, אַז עס איז אויך שוין דאָ מעגלעך צו לערנען העברעאיש, ווי אין אייראָפּע, ווייל עס איז שוין פאַראַן אַ אידישע תלמוד תורה, און אַ סך געלערנטע לייט פון דער אידישער נאַציע, וואָס זיינען געקומען פון פּוילן, אונגאַרן און בעהמען. פּוילישע אידן האָבן שוין געדאַוונט אין דער ספרדישער „שארית ישראל״ שול, באַלד אין די ערשטע יאָרן, ווי מען האָט זי געעפנט. אויך דער שוין פריער דערמאָנטער קריסטלעכער געלערנטער און אָריענטאַליסט, עזרא סטיילס, וועלכער איז געווען אַ גייסטלעכער אין ניו־פּאָרט און איז געשטאַנען אין אַ פאַרבינדונג מיט רבנים, האָט אין זיין טאָג־בוך פאַרצייכנט, אַז אין די יאָרן 1772-73 זיינען דאָרט אַהינגעקומען פּוילישע רבנים.

באַזונדערס האָט מען שוין גאָר אָנגעזען דעם אידיש־פּוילישן אָנטייל אין דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע, וואָס דזשאָרדזש וואַשינגטאָן האָט אָנגעפירט קעגן די ענגלענדער. מען דאַרף

וויסן, אַז דער אַמעריקאַנער אויפשטאַנד, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט, איז געקומען באַלד נאָך דער גרויסער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער קאַטאַסטראָפע אין פּוילן. די ביידע פרייהייטס־קאַמפן האָבן זיך קעגנזייטיק באַאיינפלוסט און עס איז אַנטשטאַנען אַ טראַדיציאָנעלע פריינט־שאַפט, וואָס האַלט אָן ביזן היינטיקן טאָג צווישן די ביידע פרייהייט־ליבנדיקע פעלקער.

אין 1772, איז, ווי באַקאַנט, פאָרגעקומען די ערשטע צוטיילונג פון פּוילן צווישן אירע „געטרייע" שכנים: רוסלאַנד, פּרייסן און עסטרייך. עס איז דעריבער קלאָר, אַז די פּוילישע און אידיש־פּוילישע פרייהייטס־קעמפער האָבן ניט געקענט בלייבן אין פּוילן און צוזען די נאַציאָנאַלע טראַגעדיע. און פון דער אַנדערער זייט, האָט מען מורא געהאַט פאַר נקמה פון די שונאים און געמוזט פאַרלאָזן דאָס באַליבטע פאָטערלאַנד. אַמעריקע, די היים פאַר אַלע פרייהייטס־זוכנדיקע, וועלכע האָט בכלל צו זיך גערופן די אַלע, וואָס זיינען פאַרפאָלגט געוואָרן אין די פאַרשיידענע לענדער אין דער אַלטער וועלט, איז ממילא אויך געוואָרן די צווייטע היים פאַר די פּוילישע און אידיש־פּוילישע פּאָליטיש־פאַרפאָלגטע און קעמפער פאַר דער פּוילישער נאַציאָנאַלער פרייהייט.

מיט דער זעלביקער טראַדיציאָנעלער פריינטשאַפט האָבן די פּוילישע פּאָליטישע אימיגראַנטן־פליכטלינגע באַלד צוריק־געצאָלט די אַמעריקאַנער גאַסט־געבער. ווען אַמעריקע איז אַרויסגעטראָטן אין קאַמף קעגן די ענגלישע אונטערדריקער, אין קאַמף פאַר איר אומאָפּהענגיקייט, האָבן זיך אַ גרויסע צאָל פּוילישע פּאָליטישע אימיגראַנטן אַריינגעוואָרפן אין קאַמף פאַר דער אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער פרייהייט. די צוויי פּוילישע נאַציאָנאַלע העלדן, טאַדעאוש קאָסציושקאָ און קאַזשימערזש פולאַסקי, וואָס זיינען אין זייער אַלטער היים געווען באַרימטע מיליטער־פירער, האָבן באַלד איבערגענומען די קאָמאַנדעס איבער גרעסערע טיילן פון דער רעוואָלוציאָנערער אַמעריקאַנער אַרמיי. ביידע האָבן העלדיש געקעמפט. קאָסציושקאָ איז גע־

וואָרן אַ מיליטערישער ראַט-געבער ביים פּרעזידענט וואַשינג-טאָן און פולאַסקי איז אין יונגן עלטער, פון 31 יאָר, געפאַלן אין קאַמף פאַר דער אַמעריקאַנער פרייהייט. עס איז קלאָר, אַז צוזאַמען מיט די פּוילישע פרייהייט-קעמפער האָבן זיך אויך אָנגעשלאָסן אַ גרויסע צאָל פּוילישע אידן, — פליכטלינגע, ווי אַ פּועל-יוצא פון דער צוטיילונג פון פּוילן, — אין דער אַמערי-קאַנער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי. דער באַדייטנדיקער קענער פון די אידיש-פּוילישע און אַמעריקאַנער באַציאונגען, דר. יעקב שאַצקי, האָט אָנגעוויזן דערויף, אַז אין פולאַסקים לעגיאָן האָבן מיטגעקעמפט פּוילישע אידן און עס האָבן זיך אויך געפונען די העכערע אידיש-פּוילישע אָפיצירן, בנימין מאזעס, ישראל שרא-דער און יעקב לעווין. שוין ניט ריידנדיק דערפון, וואָס פון די ספרדישע אידן האָבן געקעמפט אויף פירנדיקע מיליטערישע פּאָזיציעס, קאָלאָנעל דייוויד פראנקס, קעפּטיין אייזאקס, סאָלאָ-מאָן און לואי בוש, די ברידער פינטא, מרדכי שעפטל און די ברידער לאפוז. ניט וועלנדיק שטערן די אידישע קעמפער אין זייער שבת-רו-טאָג, איז דערלויבט געוואָרן די אידן, וואָס האָבן עס פאַרלאַנגט, צו זיין פריי פון דינסט די גאַנצע 24 שעה פון שבתדיקן טאָג.

ווי אַ לייכטנדיקער שטערן שיינט אַרויס פון דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע דער נאָמען פון דעם פּוילישן אידן — חיים סאלאָמאָן. ער האָט פיל מיטגעהאָלפן צו דעם גרויסן זיג פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן און פון די אַנדערע אַמע-ריקאַנער נאַציאָנאַלע העלדן. ער האָט עס פאַרשטאַנען מיט זיינע געניאַלע פעאיקייטן זיך צו שטעלן אין דינסט פון דער רעוואָלוציע און אירע פירער. חיים סאלאָמאָן איז, ווי אַלע פּאָלי-טיש-פאַרפאָלגטע און פליכטלינגע, געקומען קיין אַמעריקע אָן אַ סענט אין טאַש. אָבער ער איז געבענטשט געווען מיט ווערט-פולע מעלות, וועלכע לאָזן זיך ניט אָפּשאַצן מיט געלט. ער איז געווען אַ קענער פון די אייראָפּייאישע שפּראַכן, גוט באַהאַוונט אין פינאַנץ-ענינים. ער האָט שטענדיג געהאַנדלט מיט ישוב-הדעת, מיט אויסרעכענונג. אַזוי איז שוין געווען די גאַנצע פּאַ-

מיליע סאָלאָמאָן. דאָ אין דער נייער וועלט האָט ער יונג און ענערגיש, אין עלטער פון 32 יאָר, געפונען אַן אַרבעטס-פעלד פאַר זיינע פינאַנץ-אָפּעראַציעס. ער האָט אויך חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער רחל פון דער פאַמיליע פראַנקס, וועלכע האָט אים זייער אַסך מיטגעהאָלפן אויף זיין, ליידער, זייער קורצן לעבנסוועג.

אין 1776, זעענדיק, אַז דער באַליבטער פירער דזשאָרדזש וואַשינגטאָן אין געווען ווי פאַרצווייפלט, ווייל דאָס אויסהאַלטן די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי האָט אָפּגעקאָסט זייער פיל געלט, די סאָלדאַטן האָבן פאַרלאַנגט זייער שכירות און עס האָט שוין געהאַלטן ביי אַ דעמאָראַליזאַציע אין די רייען פון דער אַרמיי, איז געקומען דער גרויסער איד און אַמעריקאַנער פּאַטריאָט און ער האָט אוועקגעגעבן, ניט נאָר זיין גאַנץ פאַרמעגן, נאָר אויך זיין לעבן, ווייל זיין פּלוצלינגער טויט, אין עלטער פון 45 יאָר, איז געקומען צוליב אַ האַרץ-פעלער, וואָס ער האָט געקריגן בעת ער איז געווען אין געפענקעניש ביי די ענגלענדער, וועלכע האָבן אים באַשולדיקט, אַז ער איז אַן אַמעריקאַנער שפּיאָן.

וועגן דער גייסטרייכער פּערזענלעכקייט פון חיים סאָלאָמאָן איז שוין געשריבן געוואָרן אַ גאַנצע ביבליאָטעק. און די היגע „פעדעראַציע פון פּוילישע אידן” האָט אַ גרויסן פאַרדינסט דער-מיט, וואָס זי האָט ניט גערוט און אַרויסגערופן אַ באַוועגונג, כדי צו שטעלן אַ פּאַסנדיקן מאָנומענט דעם גרויסן איד, פּוילישן פרייהייטס-קעמפער און אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער העלד און אמתער פּאַטריאָט, חיים סאָלאָמאָן, וואָס דאָס וועט זיין אַ קרוין פאַרן גאַנצן אַמעריקאַנער אידנטום. (אגב איז אין 1940 גע-וואָרן 200 יאָר זייט ער איז געבוירן געוואָרן אין שטעטל ליסע, פּויזנער פּראָווינץ, אין פּוילן). אַ דאַנק דער ענערגישער אַקציע פון דער דערמאָנטער אידיש-פּוילישער פעדעראַציע, האָט חיים סאָלאָמאָן געקריגן, אַזוי צו זאָגן, זיין תיקון און האָט באַקומען זיין חשובן פּלאַץ צווישן די זין פון דער אַמעריקאַנער פרייהייטס רעוואָלוציע. אַזוי איז וווערט צו דערמאָנען, אַז אַ בילד פון חיים סאָלאָמאָן געפינט זיך אין דער גאַלעריע פון דעם גרויסן

בילדינג פון די „סאָנס אָוו אַמעריקען רעוואָלושיאָן". די זעל־ביקע פּאַטריאָטישע געזעלשאַפט האָט אויך אָפּגעדרוקט אַ גרע־סערע אָפּהאַנדלונג וועגן חיים סאָלאָמאָן אין זייער קוואַרטאַל־בוך (אָקטאָבער 1928) פון דעם מאַטעריאַל, וואָס די פעדעראַ־ציע האָט צוגעשיקט. אויך איז געשאַפן געוואָרן אַ היסטאָרי־שער פילם „סאָנס אָוו ליבערטי" פון חיים סאָלאָמאָנס לעבן און ווירקן, בעת דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע מיט זייער אינטע־רעסאַנטע אידישע בילדער. אין פילם געפינט זיך אויך אַ רירנ־דיקע סצענע פון זיין טויט. אין אונזער אינערלעכן אידישן לעבן איז חיים סאָלאָמאָן פאַראייביקט געוואָרן דורך דריי זייער וויכטיקע פּאָזיטיווע אידישע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אינסטיטו־ציעס. אין 1928 איז געגרינדעט געוואָרן אַ מושב זקנים פון די פאַראייניקטע וואַרשעווער אידישע סאָסייטיס אויפן נאָמען פון חיים סאָלאָמאָן. דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַר־באַנד האָט געגרינדעט אַ ברענטש, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דעם גרויסן איד און אַמעריקאַנער. אויך אַן ערשט־געגרינדע־טער ברענטש פון ענגליש־ריידנדיקע ביים „אַרבעטער־רינג" טראָגט דעם נאָמען פון חיים סאָלאָמאָן.

דידאַזיקע שורות, וואָס זיינען געווידמעט דעם אָנדענק פון אַ אידישן פליכטלינג, וואָס איז געווען אַ ברכה פאַר אַמעריקע, ווילן מיר פאַרענדיקן מיט צוויי אָפיציעלע דאָקומענטן, וועלכע זאָגן עדות וועגן דעם עהרן־פּלאַץ, וואָס חיים סאָלאָמאָן פאַר־נעמט אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע. אַזוי האָט דער פּרע־זידענט קולידזש, בעתן לייגן אַ גרונטשטיין פאַר אַ אידישן סענטער אין וואַשינגטאָן, אין אַ רעדע געזאָגט פאָלגענדיקע ווער־טער:

„ראָמאַנטיש איז די געשיכטע פון דעם פּוילישן איד חיים סאָלאָמאָן, דעם פינאַנסיר פון דער רעוואָלוציע. אַ געבוירענער אין פּוילן, איז ער גענומען געוואָרן אין געפענקעניש פון דער בריטישער מאַכט אין ניו־יאָרק, און ווען ער איז פון דאָרטן אַנטלאָפן, האָט ער זיך גענומען צו ביזנעס אין פילאַדעלפיע. ער האָט דורכגעפירט פאַר ראָבערט מאָרים אַלע הלוואות, וואָס

זיינען געמאַכט געוואָרן אין פראַנקרייך און האָלאַנד, האָט גאַ-ראַנטירט מיט זיין וואָרט און אייגנטום פאַר אומגעהויער גרויסע געלט-סומען, און פלעגט פערזענלעך אויסצאָלן גרויסע סומען צו אַזעלכע פערזענלעכקייטן ווי דזשיימס מעדיסאָן, טאָמאַס דזשעפערסאָן, באַראָן סטויבען, גענעראַל סט. קלעיר און אַסך אַנדערע פאַטריאָטישע פירער, וועלכע האָבן באַשטעטיקט, אַז אָן זיין הילף וואָלטן זיי נישט געקענט דורכפירן די פּלענער פון דער רעוואָלוציע".

אויך איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק אַ געמיינשאַפט-לעכע רעזאָלוציע אויפן 74-טן קאָנגרעס, צווייטע סעשאָן, דעם 27-טן מערץ 1936, מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט:

„מיר אויטאָראַזירן דאָס אויפשטעלן אַ מאָנומענט פאַר חיים סאַלאָמאָן.

„עס ווערט באַשלאָסן דורך דעם סענאַט און קאָנגרעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין אַמעריקע, פאַרזאַמלט אין קאָנ-גרעס, אַז דער אינערן מיניסטער איז און ווערט מיט דעם אויטאָ-ריזירט און באַאויפטראַגט צו געבן די דערלויבעניש אויפצו-שטעלן — אויף פאָלקס-באָדן פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין דער שטאָט וואַשינגטאָן, אַחוץ אויף פּלעצער ווי דער „קעפּיטאָל" קאָנגרעס לייברערי און ווייסן הויז — אַ מאָנומענט אין אַ פּאַסנ-דיקער און אַרטיסטישער פאָרם פאַר דעם פאַרשטאָרבענעם חיים סאַלאָמאָן דורך זיינע פריינט אין אַמעריקע אין אנערקענונג פון זיינע פאַטריאָטישע און לויבנסווערטע דינסטן וואָס ער האָט געלייסטעט דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין דער צייט פון דער שווערסטער פעריאָדע פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע; בתנאי, אַז דער אויסגעקליבענער פּלאַץ און דער פּראָיעקט פון מאָנומענט זאָלן האָבן די צושטימונג פון דער נאַ-ציאָנאַלער קאָמיסיע פון דער פיינער קונסט, און אַז די פאַר-אייניקטע שטאַטן זאָלן ניט אויסגעשטעלט ווערן אויף קיין שום הוצאות ביי אָדער צוליב דאָס אויפשטעלן דעם אויבנדערמאָנטן מאָנומענט".

בעת דאָסדאָזיקע בוך איז שוין געגאַנגען צום דרוק, האָט

דער עקזעקוטיוו דירעקטאָר פון דער אידיש-פוילישער פעדעראַציע, מר. ז. טיגעל (וועלכער האָט אומגעהויערע פאַרדינסטן פאַר „אַנטדעקן” די גרויסע פאַטריאָטישע מעשים פון דעם פוילישן איד חיים סאַלאָמאָן, דערמיט וואָס ער האָט אין פאַרלויף פון 20 יאָר, נאָך אין דער אַלטער היים, זיך געגריבלט אין פאַרשיידענע ביבליאָטעקן און אַרכיוון און אויך אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין וואַשינגטאָן, און ער האָט אין מאַנוסקריפּט, אַ בוך פון 500 זייטן מיט ווערטפולע דאָקומענטן וועגן חיים סאַלאָמאָן) מיר אינפאָרמירט, אַז אין הייאָריקן זומער וועט אין שיקאַגאָ געשטעלט ווערן אַ מאָנומענט פאַר חיים סאַלאָמאָן, וואו ער וועט שטיין צוזאַמען מיט דזשאָרדזש וואַשינגטאָן און דעם פינאַנץ-סעקרעטערי ראָבערט מאָרים. דער מאָדעל איז געמאַכט פון איינעם פון די גרעסטע אַמעריקאַנער סקולפּטאָרם לאָרענער טעפּט, און די גאַנצע אַרבעט ווערט אָנגעפירט פון מיטגליד פון סיטי קאָונסיל אין שיקאַגאָ מר. באַרנעט האָדעס, וועלכער שטאַמט פון פוילישע אידן.

דער זיג פון דער יונגער אַמעריקאַנער רעפּובליק און דאָס פּראָקלאַמירן די אומאָפּהענגיקייטס-דערקלערונג אין 1776, וועלכע גאַראַנטירט די פרייהייט פון מענטש און רעליגיע, האָט אויך אַריינגעבראַכט אַ פאַרבעסערונג און אַ סיסטעמאַטישע אַנטוויקלונג אין לעבן פון די היגע אידישע ישובים. פוילן איז נאָך צוויי מאָל צוטיילט געוואָרן, אין 1793 און אין 1795, און נאַפּאָלעאָנס מאַרש אויף מאָסקווע פון 1806 ביז 1813, האָבן דאָס אַרויפגעלייגט דאָס מערב און מזרח אייראָפּייאישע אידנטום אויף דער וואָג-שאָל פון דער געשיכטע. דאָס פאַלן פון נאַפּאָלעאָנען און דער ווינער קאָנגרעס האָבן נאָך מער פאַרגרעסערט דעם ווירוואַר אין פּאָליטישן אייראָפּע. רוסלאַנד האָט צוגענומען פאַר זיך קאָנגרעס-פוילן, דעם גרעסטן טייל פון מזרח-אייראָפּייאישן אידנטום און באַהאַנדלט די אידן ווי צווייטראַנגיקע אונטערטאַנען, אָן פּאָליטישע און בירגערלעכע רעכט. ביי אַזאַ מצב האָט זיך אויך ווייטער געהאַלטן אין איין פאַרגרעסערן די

אויסוואַנדערונג קיין אַמעריקע, סיי צווישן די, וועלכע האָבן זיך געפונען אין פּרייסיש פּוילן און סיי צווישן די, וועלכע האָבן גע־לעבט אונטערן רוסישן צאַר. אין 1795 זיינען אָנגעקומען קיין אַמעריקע גרעסערע גרופּן פּוילישע אידן פון פּויזנער געגנט און האָבן זיך באַזעצט, אויסער אין ניו־יאָרק, אויך אין ריטשמאַנד און טשאַרלסטאָן. אין דער היגער ספרדישער „שארית ישראל" שול האָבן אין די וואַלן פון באַאַמטע זיך באַטייליקט אַ גרויסע צאָל פּוילישע אידן, און אין 1808 איז שוין געווען אין ניו־יאָרק אַ אידיש־פּוילישע תלמוד תורה. די דרייצן שטאַטן זיינען שוין געווען פאַראייניקט און האָבן אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס די אַלע, וועלכע זיינען אַהערגעקומען פון די אייראָפּייאישע לענ־דער, ווערנדיק דאָרט פאַרפאָלגט צוליב פאַרשיידענע סבות.

די געשיכטע פון דער מזרח־אייראָפּייאישער איינוואַנדע־רונג קיין אַמעריקע לערנט אונז, אַז די אידישע איינוואַנדערונג האָט זיך צוערשט אָנגעהויבן פון די גרענעץ־שטעטלעך צווישן קאָנגרעס־פּוילן און פּרייסן, פון קאַלישער, פּלאָצקער און לאָמ־זשער גובערניעס. דער רוסישער תחום המושב, ד. ה. דאָרט, וואו די אידישע באַפעלקערונג האָט זיך געפונען אין גרויסע מאסן, איז געלעגן ווייט פון די רוסישע גרעניצן. אויסער אַ קליינער דינער פּאַס אין קאָוונער גובערניע, וואָס האָט זיך גע־גרעניצט מיט מעמעל־קעניגסבערג (ערשט אין 1870 הויבט זיך אָן אַן אַריינוואַנדערונג פון די רוסישע און ליטווישע אידן, ווי מיר וועלן דאָס ווייטער זען). די פּויזנער וואַנדערער, כאָטש זיי זיינען געקומען פון פּראָווינצן, וואָס האָבן זיך געפונען אונ־טער דער פּרייסישער ממשלה, האָבן זיי זיך אויך ווייטער גע־האַלטן פאַר פּוילישע אידן און זיינען טאַקע אַוועק, ניט צוליב ווירטשאַפטס־נויט, נאָר ווייל מען האָט מורא געהאַט פאַר דער שטאַרקער דייטשער אַסימילאַציע. און גראָד די דאָזיקע פּויז־נער אידן זיינען געווען פון די ערשטע, וועלכע האָבן באַקעמפט די פּיאָנערן פון די רעפאָרם־ראַבינער און בכלל אויפגעהאַלטן דעם טראַדיציאָנעלן כאַראַקטער פון די אַמעריקאַנער אידן. ערשט אין 1878, ווען עס איז געגאַנגען אַ שטראָם פון די רוסי־

שע און ליטווישע אידן, האָט דער ליטווישער איד, שולמאַן, זיך דערלויבט צו עפענען אום שבת זיין קליידער סטאָר אויף קאַנעל סטריט, און איז געוואָרן אַ „פּיאָנער" אויף דעם געביט פון „חילול שבת". אין 1782, ד. ה., ווען עס זיינען געווען נאָר ספרדישע און פּוילישע אידן, האָט מען נאָך אין די אידיש־אַמעריקאַנער ישובים געמשפּט פאַר גאָלן זיך (שייוון) אום שבת, אָדער פאַר ניט קומען דאַווענען אין שול.

דער פּוילישער אויפשטאַנד פון 1831, האָט מיט זיך מיט־געבראַכט דעם רעזולטאַט, אַז די צאַרישע רעגירונג האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן יעדע בושה און מיט אַסאַדיסטישער הנאה גענומען פאַרטיליקן יעדן סימן פון פּויליש־נאַציאָנאַלער זעלבסט־שטענדיקייט. דאָס האָט מיט זיך געבראַכט, אַז נייע שטראָמען פון אידישע און פּוילישע פליכטלינגע זאָלן זיך ציען צו אַמע־ריקעס ברעגן. פאַר דער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט זיינען שוין געווען פופציק טויזנט אידישע אימיגראַנטן, און דאָס רוב פון זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט פּעדלעריי. מען האָט זיך אריינ־געוואָרפן אין גרינדן, קודם־כל, לאַנדסמאַנשאַפטלעכע סאָסייטעס און אויך שולן, קאָנגרעגיישאָנס און תלמוד תורות. די אַלטע היים אין די פריערדיקע פּוילישע שטעטלעך איז אויך אויף ווייטער געבליבן דער אָנהאַלט פון די טויזנטער „גרינע", וועל־כע האָבן אין זייערע ערשטע יאָרן געלעבט, ווי אויף אַ יאַריד און ניט געקענט באַזייטיקן דעם „היים־וויי", וואָס דער פּוילישער איד פילט באַזונדערס אַזוי שטאַרק, ווען ער איז מחוץ די פּוי־לישע גרענעצן.

דאָס קאַפּיטל פּוילישע אידן אין אַמעריקע האָבן מיר אָנ־געהויבן מיט אַ גרויסן איד און אַמעריקאַנער פּאַטריאָט — חיים סאָלאָמאָן און מיר וועלן אויך פאַרענדיקן מיט אַ גרויסן פּוילישן איד און אַמעריקאַנער פּאַטריאָט אויפן קולטורעל־גייס־טיקן געביט. צווישן די ערשטע אידישע אימיגראַנטן פון קאָנ־גרעס פּוילן האָבן זיך געפונען די האַלפּערנס, אַ פאָטער מיט אַ זון, וועלכע האָבן געשטאַמט פון פּיעטריקאָוו. ביידע, פּנחס מענדל און מיכאל האַלפּערן, זיינען פון פּוילן אַוועק קיין אונ־

גאַרן, און ווען עס איז דאָרט אין באַרימטן פּאָליטישן שטורעם־יאָר 1848, אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע, ווי אין אַלע אַנדערע לענדער פון מערב און צענטראַל־אייראָפּע, האָט מיכאל האַלפּערן מיט זיין ליטעראַרישער פעדער, געקעמפט פאַר אונגאַרנס פריי־הייט. ער האָט זיך דערוואָרבן אַ גרויס פאַרטרויען ביים אונ־גאַרישן נאַציאָנאַלן פרייהייטס־העלד לודוויג קאָשוט און פון אַנדערע פירנדיקע רעוואָלוציאָנערן, און ווען עס איז געשאַפן געוואָרן די אומאָפּהענגיקע נאַציאָנאַלע רעגירונג, איז מיכאל האַלפּערן באַשטימט געוואָרן אַלס לייטער פון דער ליטעראַרי־שער ביוראָ ביים אינערן־מיניסטעריום. דער פּויליש־אידישער אימיגראַנט איז געוואָרן איינער פון די בעסטע קענער פון דער אונגאַרישער שפּראַך און ליטעראַטור. ווי אין די אַנדערע שכנותדיקע לענדער, איז אויך אין אונגאַרן די רעוואָלוציע דער־שטיקט געוואָרן אין בלוט, און מיכאל האַלפּערן איז געקומען קיין אַמעריקע. ער האָט זיך באַזעצט, צוערשט אין פילאַדעלפיע, און דערנאָך אין ברוקלין, וואו ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט לי־טעראַריש־וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט. זיין טויט, צו 65 יאָר, האָט אַרויסגערופן אַן אינטערעס צו זיינע וויסנשאַפטלעכע ווערק. די פּראָמינענטסטע אַמעריקאַנער ציימונגען האָבן אויס־פירלעך אָפּגעשאַצט זיין באַדייטונג פאַר דער אַמעריקאַנער זשורנאַליסטיק און פאַר די וויסנשאַפטלעכע ענציקלאָפּעדיעס.

דער פאַקט, אַז צוויי פון די גרעסטע אַמעריקאַנער מלחמה־העלדן זיינען געווען פּאָליאַקן וואָלט שוין אַליין געווען גענוג צו פאַרפעסטיקן די פריינטשאַפט צווישן אָט־די צוויי נאַציעס. עס איז אָבער צו דעם נאָך צוגעקומען אַ טיפע סימפּאַטיע פון די אַמעריקאַנער צום פּוילישן פאָלק, וואָס האָט פאַרלוירן זיין פרייהייט אין דעם אומגליקליכן קאַמף מיט די טיראַנישע מלוכות פון דער אַלטער וועלט, אויף וועלכע די פרייע אַמעריקע האָט געקוקט מיט שנאה און פאַראַכטונג. נאַטירלעך, האָט די אַמעריקאַנער געזעלשאַפט מיטגעפילט און געהאָלפן אין דעם פאַרביסענעם קאַמף פאַר דער באַפרייאונג און נאַציאָנאַלן ווי־

דערגעבורט פון פוילישן פאָלק. ווען עס האָט אין יאָר 1831 אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד אין רוסיש-פוילן, האָבן זיך אין אַמעריקע אָרגאַניזירט קאָמיטעטן צו קלייבן געלט פאַר דעם פוילישן פרייהייטס-קאַמף. די פאָנדן זיינען אָפּגעשיקט געוואָרן צום גענעראַל לאַפּאַיעט אין פאַריז, כדי ער זאָל זיי איבערגעבן דער רעוואָלוציאָנערער פוילישער רעגירונג, וועלכע האָט אָפּגעריכט גלות אין מערב-אייראָפּע.

די שטורעמדיקע פּאָליטישע געשעענישן אין גאַנץ מערב-אייראָפּע אין די יאָרן 1846 ביז 1849 האָבן צוזאַמען מיט אומצאָליקע דייטשן און טשעכן געבראַכט קיין אַמעריקע אַסך פוילישע אימיגראַנטן. דער גרעסטער טייל פון זיי פלעגן קומען פון וועסט-פּרייסן, פּויזן און שלעזיען. אַרום 1860 זיינען שוין געווען פּאָליאַקן כמעט אין אַלע „סטייטס" פון אַמעריקע. די גרעסטע צאָל פּאָליאַקן האָבן געלעבט אין 3-4 סטייטס: ניו-יאָרק, טעקסאַס, קאַליפאָרניע, און אויך אין וויסקאָנסין. אַן אינטערעסאַנטער כאַראַקטער-שטריך פון דער פוילישער עמיגראַציע פון 1848 ביז 1800 איז דער אָנטייל פון די פּאָליאַקן אין דער אַזוי-גערופענער דעראָבערונג פון דער וועסט, דאָס הייסט, אין דער קאָלאָניזאַציע פון די פאַרמערס-פּיאָנערן אין די וויטע טיילן פון לאַנד, וועלכע זיינען פריער (ביז 1849) קיינמאָל ניט באַאַרבעט געוואָרן אויף אַן אינטענסיוון ענערגישן אופן. אַלס אַ טייל פון אָט-דער באַוועגונג פון די פוילישע מאַסן אין אַמעריקע קיין מערב-צו, איז אויסגעוואַקסן דער ערשטער גרעסערער פוילישער ישוב אין די פאַראייניקטע שטאַטן — די קאָלאָניע „פּאַנאַ-מאַריאַ" אין טעקסאַס, וואו 300 פוילישע פאַמיליעס פון שלעזיען האָבן זיך באַזעצט אין יאָר 1854. גלייך נאָך דעם האָבן זיך אין טעקסאַס אָנגעפאַנגען צו באַשאַפן נאָך אַנדערע פוילישע ישובים. אין יאָר 1906, איז די פוילישע באַפעלקערונג אין יענעם סטייט שוין געשאַצט געוואָרן אין קרוב 17,000 נפשות. אין יאָר 1858, איז אַ פוילישע פאַמיליע פון וועסט-פּרייסן אָנגעקומען אין פּאָרטעידזש קאַונטי, וויסקאָנסין, וואו עס איז מיט דער צייט אויסגעוואַקסן איינער פון די שענסטע און

דערפאָלגרייכסטע פוילישע פאַרם־ישובים אין נאָרד־אַמעריקע. ביסלעכווייז האָבן זיך די פוילישע פאַרמערס אויסגעשפּרייט ביז צום פּאַסיפישן ים־ברעג. דיליידן און רדיפות, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט אין זייער אומגליקלעכער אַלטער היים, האָבן זיי געהאָלפן איבערצוקומען מיט געדולד די מניעות און אַנטוישונגען אין דער שווערער פּיאָנערן־אַרבעט אויף דער פרעמדער ערד. דורך די ערשטע 20־30 יאָר פון דער פוילישער אימיגראַציע זיינען צענדליקער טויזנטער פּאָליאַקן אַריינגעצויגן געוואָרן אַלס צופרידענע און באַוואוסטזיניקע בירגער אין דעם פּאָליטישן לעבן פון אַמעריקע. צוגלייך מיט אַנדערע אימיגראַנטן פון אייראָפּע האָבן אויך די פּאָליאַקן געהאַט זייער חלק אין דער שווערער היסטאָרישער אויפגאַבע: צו פאַרוואַנדלען דעם ריזיקן שטח פון דער וועסט אין אַ בליענדיקן און ציוויליזירטן ישוב.

די פּאָליאַקן אין אַמעריקע, וועלכע האָבן געהאַט פריש אין זכרון זייערע אייגענע ליידן און קאַמפן, האָבן נאַטירלעך אָנגעהויבן וואַרעם צו סימפּאַטיזירן מיט דער אַנטי־שקלאַפן באַוועגונג דאָ אין לאַנד. דידאַזיקע באַוועגונג האָט זיך פאַרענדיקט מיט דעם פאַרביסענעם בלוטיקן קריג, פון 1861 ביז 1865, צווישן די נאָרדלעכע און זידלעכע שטאַטן. די מלחמה האָט געפירט צו דער באַפרייאונג (עמאַנציפּאַציע) פון די נעגערס. אַסך פּאָליאַקען זיינען אַריינגעטראָטן אין דער יוניאָן־אַרמיי, וועלכע האָט, אונטער דער פירערשאַפט פון פּרעזידענט לינקאָלן און גענעראַל גרענט, סוף־כל־סוף באַזיגט די קאָנפעדעראַציע, דאָס מיינט די זידלעכע שטאַטן, וואָס האָבן געקעמפט פאַר זייערע רעכט צו האַלטן די נעגערס אין שקלאַפעריי. איינער פון די פּאָליאַקן, גענעראַל קריזשאַנאָווסקי, האָט געדינט צוזאַמען מיט דעם באַוואוסטן מיליטערישן קאָמאַנדיר קאַרל שורץ, אַן עמיגראַנט פון דייטשלאַנד. אַזאַ וואָפן־ברודערשאַפט וואָלט ניט מעגלעך געווען אין אייראָפּע, וואו פוילן און דייטשלאַנד האָבן געקוקט איינע אויף די אַנדערע ווי שונאים. אין די אַמעריקאַ־

נער אומשטענדן איז אָבער אזא צופאַל געווען א נאַטירלעכע און נאָרמאַלע דערשיינונג.

די העכסט רעאַקציאָנערע אַנטי־פּוילישע פּאָליטיק פון ביסמאַרקן, נאָך דעם יאָר 1871, האָט פאַרטריבן טויזנטער פּאָ־ליאַקן פון דייטשלאַנד קיין אַמעריקע. מיט א יאָר צען שפּעטער זיינען אָבער עקאָנאָמישע און ניט פּאָליטישע אורזאַכן געוואָרן די טרייב־קראַפט פון א פּוילישער מאַסן־עמיגראַציע קיין אַמע־ריקע. ניט פּרייסן, נאָר קאָנגרעס פּוילן און גאַליציע זיינען גע־וואָרן די פּראָווינצן, פון וואַנען עס פלעגן צענדליקער טויזנטער פּאָליאַקן זיך ציען, יאָר־איין־יאָר־אויס, קיין נאָרד־אַמעריקע. אין רוסיש־פּוילן איז אין יאָר 1901 אויסגעבראָכן א שווערער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס האָט געדויערט ביז 1903. גלייך נאָך דעם האָבן זיך אָנגעפאַנגען די רעוואָלוציאָנערע מהומות פון 1905, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן ביז 1908. דאָס אַלץ האָט שטאַרק פאַרגרעסערט די מאַסן־עמיגראַציע פון רוסיש־פּוילן קיין אַמעריקע. די פּוילישע סטאַטיסטיקער גיבן די פאָלגנדיקע ציפערן, וועגן דער פּוילישער עמיגראַציע אין לויף פון די לעצטע 30 ביז 40 יאָר פאַר דעם וועלט־קריג. פון יאָר 1871 ביז 1911 האָבן די פיר פּוילישע פּראָווינצן פון פּרייסן געשיקט אַרום 439 טויזנט פּאָליאַקן קיין אַמעריקע. פון גאַליציע האָבן פאַר די דרייסיק יאָר ביזן וועלט־קריג אויסגעוואַנדערט 19,323 עמיג־ראַנטן קיין אַמעריקע פון רוסיש־פּוילן (קאָנגרעס־פּוילן). אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז די עמיגראַציע פון רוסיש־פּוילן א ביסל געפאַלן, אָבער פון 1901 ביז 1913 האָבן די פאַראייניקטע שטאַטן צוגעקראָגן אַרום 600 טויזנט פּאָליאַקן פון רוסלאַנד. מען קען אָן גוזמא אָננעמען, אַז צוויי־דריטל פון זיי זיינען געווען אידן.

אין 1840, ד. ה. מיט הונדערט יאָר צוריק, איז צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון אַמעריקאַנער אידן, זיי אויסגע־קומען אַרויסצוטרעטן אין קאַמף פאַר אידישע רעכט און אידישן כבוד אויף יענער זייט ים. דעם 5־טן פעברואַר 1840, איז אין

דמשק, די הויפּט־שטאָט פון סיריע, וואָס האָט זיך געפונען אונ־טער דער רעגירונג פון טערקישן סולטאַן, פאַרשוואונדן געוואָרן אַ מאָנאַך פון אַ דאָרטיקן מאָנאַסטיר. אַ פּאָר פאַנאַטישע מאָ־נאַכן האָבן אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז די אידן האָבן דערהרגעט דעם מאָנאַך און זיין בלוט באַנוצט אויף פסח צו מצות. מען האָט אַרעסטירט אַ גרופּע פון די חשובסטע אידן פון שטאָט און מען האָט זיי זייער געפּייניקט. איין איד איז פון די צרות גע־שטאָרבן. אַ צווייטער האָט זיך געשמדט און איז איבערגעגאַנ־גען צום מאַכמעדאַנישן גלויבן. אין דעם טראַגישן בלוט־בלבול זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אַנגעזעענע רבנים און עס איז אַנט־שטאַנען אַ שרעקלעכער איראָפּעאישער סקאַנדאַל. ווען די־דאָזיקע ידיעות זיינען אָנגעקומען קיין אַמעריקע, זיינען דאָ גע־מאַכט געוואָרן גרויסע פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען אין ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע און ריטשמאָנד, אויף וועלכע עס זיינען אַרויסגע־טראָטן אידישע און ניט־אידישע פערזענלעכקייטן. אַלס רעזול־טאַט פון דערדאָזיקער שטורמישער פּראָטעסט־קאַמפּיין, האָט דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט, מאַרטין וואַן ביורען, צושיקט שאַרפע צירקולאַרן צום אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטישן פאַרשטייער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און צום אַמעריקאַנער קאָנסול אין אַלעקסאַנדריע (אין עגיפּטן), אַז זיי זאָלן אין נאָמען פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן ענערגיש אַרויסטרעטן „פאַר גערעכטיקייט און מענטשלעכקייט, פאַר די קרבנות, וועמענס געשריי פון ליידן און פאַרפאָלגונג עס האָט דערגרייכט צו די אַמעריקאַנער ברעגן". די אַריינמישונג פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג האָט, זיכער, פיל מיטגעווירקט, אַז דער טערקישער סולטאַן זאָל אַרויסגעבן אַ פייערלעכע דערקלערונג קעגן דעם זינלאָזן בלוט־בלבול און האָט באַפוילן אַלע באַאַמטע, אַז זיי זאָלן שיצן די לעבנס, פאַר־מעגנס און רעליגיעזע מנהגים פון די אידן.

אַלס רעזולטאַט פון דעם בלוט־בלבול אין דמשק ,איז אין 1843 געגרינדעט געוואָרן אין ניו־יאָרק דורך 12 אימיגראַנטן־פליכטלינגע פון דייטשלאַנד, דער אָרדן „בני ברית", וואָס האָט גערופן צו אחדות די אידן פון דער גאַנצער וועלט. אין 1848

האָט די „בני ברית" שוין געהאַט 19 לאָדזשעס מיט 2200 מיט־גלידער. אין 1845 זיינען שוין אַנטשטאַנען אידישע מייסאָן־לאָדזשעס מיט אינטערנאַציאָנאַלע פריימויערער אויפגאַבן, און אין 1859 — דער אידישער אָרדן „ברית אברהם", וואָס האָט אַ פּאָזיטיוו־אידישן פּראָגראַם.



1848 — די ערשטע אידיש-דייטשע פליכטלינגע און דער בירגער-קריג

דאָס יאָר 1848 איז געווען אין מערב און צענטראַל אייראָפּע אַ שטורמיש רעוואָלוציע-יאָר, באַזונדערס זיינען פאָרגעקומען פּאָליטישע אויפשטייסלונגען, אויסער אין פראַנקרייך און די שווייץ, אויך אין די דייטשע פּראָווינצן און אין עסטרייך, אונגאַרן און בעהמען. די אידישע מיטבירגער, דאָס רוב פון וועלכע זיינען איבעראַל געווען אין די רייען פון די ליבעראַל-פּראָגרעסיווע קרייזן, האָבן גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין די פּאָליטישע קאַמפן קעגן די רעאַקציאָנערע רעגירונגען. נאָכדעם אָבער ווי די רעוואָלוציאָנערן האָבן געהאַט מפּלות און די רעאַקציע האָט ווידער באַקומען די מאַכט אין דער האַנט אריין, האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ מאַסן-אויסוואַנדערונג פון די דייטשע לענדער, עסטרייך, אונגאַרן און בעהמען. פון דייטשלאַנד איז געקומען דער באַרימטער דייטשער גענעראַל שורץ, וואָס איז געוואָרן אַ אַ באַדייטנדיקע פּערזענליכקייט בעת דעם בירגער קריג און אין דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי. מיט אים זיינען אויך מיטגעקומען אַ גרויסע צאָל פּאָליטישע אָנהענגער, ניט-אידן און אויך פיל אידן. קומענדיק אַהער באַוואַפנט מיט די פרייהייטס-אידעאַלן, האָבן זיי זיך באַלד אריינגעוואָרפן אין דער היגער לאַנד-פּאָליטיק, גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין שאַפן ביינק, האַנדל- און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, און מען טרעפט שוין צווישן זיי אַזעלכע, וואָס פאַרנעמען רעגירונגס-אַמטן. די אידיש-דייטשע איינוואַנדערונג פון 1848, האָט געגעבן אַן אייגנאַרטיקן כאַראַקטער דעם ווייטערדיקן אויפבוי און אַנטוויקלונג פון אַמעריקאַנער אידנטום, וועמענס השפעה עס לאָזט קלאָר אָנזען ביזן היינטיקן טאָג אין אַלע צווייגן און געביטן פון עפנטלעכן אידישן לעבן. דאָס זיינען די, וועלכע זיינען באַקאַנט אין אידישן פאָלקס-לעבן מיטן נאָמען „יאַהודים".

פיל פון די פאַרפאָלגטע זיינען אַנגעקומען אין לאַנד, ווי דער מנהג איז ביי פּאָליטיש פאַרפאָלגטע, אָן אַ פּעני אין טאַש, אָבער דערפאַר פול מיט מוט און ענערגיע. דערצו האָבן זיי געהאַט גרויסע פאַרבינדונגען מיט אַ סך ניט־אידישע פּאָליטישע פריינט. אין ליבעראַלן דייטשן אידנטום האָט מען ניט געמאַכט קיין אונטערשייד פון איד און ניט־איד. די דייטשע אידן האָבן באַלד, ווי זיי זיינען נאָר געקומען אין לאַנד, גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל אין די ריין־דייטשע קולטור־ און ספּאָרט־פאַראיינען. די דייטש־אידישע פליכטלינגען טרעפן מיר נאָך זייער אייוואַנדערונג אַלס אַזעלכע, וואָס נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין גרויס־האַנדל, באַנק־אָפּעראַציעס, אינדוסטריע, זשורנאַליסטיק, לאַנדווירט־שאַפט און זאָגאַר אין פּלאַט. זיי גרינדן ליבעראַלע סינאַגאָגעס, זעלבסטהילף־אינסטיטוציעס, לאָדזשעס, לערן־ און דערציאונג־אַנשטאַלטן, און גאָר באַזונדערס זיינען זיי שוין זייער „פאַר־קאָכט" אין פּאָליטיק. מען קלאָגט זיך ביי אונז, נאַציאָנאַלע און פאָלקס־אידן דערויף, אַז די „יאַהודים" האָבן די מאַכט און די השפּעה אויף דער אידישער גאַס, באַזונדערס, ווען עס האַנדלט זיך וועגן הילפס־אַרבעט, אָדער אידישער פּאָליטיק. מען דער־קלערט דאָס מיט דעם קלאַסישן כלל; „ווער עס האָט די מאָה, האָט די דעה". עס שיינט אָבער, אַז אויסער דער „מאה", איז פאַראַן נאָך אַ סיבה, וואָס פאַרשטאַרקט די „יאַהודישע" פּאָזי־ציעס אין עפנטלעכן אידישן לעבן, און דאָס איז, וואָס זיי, די „יאַהודים", ריידן וואָס ווייניקער און טוען וואָס מער! ווען עס קומט צו ענינים, אין וועלכע די „יאַהודים" זיינען פאַראינטערע־סירט, מאַכן זיי ניט קיין טומל מיט קאָנווענשאָנס, מיטינגען, רע־זאָלוציעס, מאַרשן, פאַראַדן און דעמאָנסטראַציעס, נאָר זיי אַר־בעטן, שאַ און שטיל, אָן רעש און אָן געפּילדער, מיט סיסטעם און סדר. פון דאַנען, קען זיין, שטאַמט זייער דערפאָלג.

צו די אידישע פליכטלינגע, וואָס זיינען געקומען אין יאָר 1848 מיט די פרייהייטלעכע רעוואָלוציאָנערן־גרופּן קיין אַמע־ריקע, האָבן געהערט — זיי אַליין אָדער זייערע עלטערן — אַ גרויסע צאָל פּראָמינענטע אידישע פאַמיליעס, וואָס שטייען אין

דער שפיץ פון אמעריקאנער אידנטום און פארנעמען זייער איינ־פלוסרייכע פאזיציעס אין אלגעמיינעם אמעריקאנער פאליטישן און געזעלשאפטלעכן לעבן. קודם־כל מוז דא דערמאנט ווערן די פאמיליע שטרויס. לאזארוס מיט די זין איזידאר, נייטען און אסקאר־שלמה זיינען אין יאר 1854 אהערגעקומען פון דייטש־לאנד דורך עלזאס (פראנקרייך) און זיי האבן זיך באזעצט אין פילאדעלפיע. אין 1865, האבן זיי שוין גענומען א זייער אקטיוון אנטייל אין א רייע האנדלס־ און אונדוסטריעלע אונטערנעמונגען. אין 1888 האט איזידאר אפגעקויפט די בארימטע „מעיסי" קאר־פאריישאן, און אלע זין, און היינט אויך שוין די אייניקלעך פון לאזארוס שטרויס, זיינען ברייט פארצווייגט אוןווירקן אויף אלע געביטן פון אמעריקאנער עפענטלעכן לעבן, אין דער פאלי־טיק, האנדל און ווירטשאפט, פילאנטראפיע, לערך־ און ערצי־אונגס־אנשטאלטן. אסקאר שטרויס איז אויך שוין געווען האנדלס־מיניסטער און באטשאפטער און אויך נייטען שטרויס האט זיך פארשאפן באזונדערע פארדינסטן פארן אידישן פאלק. ער איז, ווי באקאנט, געווען אן אויפריכטיקער פריינט פון ארץ ישראל און דארט געפינט זיך א קאלאניע מיטן נאמען „נתניה", אויף זיין נאמען.

א נאנטער קרוב פון דער שטרויס־פאמיליע איז געווען דער פראמינענטער פאליטישער פירער פון אמעריקאנער אידנ־טום, — א נאמען וואס האט שוין גערעדט פאר זיך אליין, — לואי מארשאל. זיינע עלטערן, יעקב און צילי שטרויס־מארשאל, זיינען אין 1849 אהערגעקומען פון דייטשלאנד, און לואי איז שוין געבוירן געווארן אין סיראקיוז, סטייט ניו־יארק. דא האט ער באקומען די געהעריקע דערציאונג און ער איז אויסגעוואקסן א בארימטער לאיער און דער טאן־געבער אין דער אידיש־אמע־ריקאנער פאליטיק. צוויי קינדער פון אידיש־דייטשע פליכט־לינג־פאמיליעס האבן זיך פאראייביקט אין דער געשיכטע פון דער אמעריקאנער פאלקס־געזונטהייט, סיימאן בארוך איז אלס קינד געקומען צוזאמען מיט זיינע עלטערן, בערנארד און טערע־זע, פון פויזנער געגענט אין 1840, ווען פרייסן האבן מיט גע־

וואלט גערמאַניזירט די פריערדיקע פוילישע פּראָווינצן. סיימאָן ווידמעט זיך די מעדיציניסשע וויסנשאַפטן און ער האָט אומגעהויערע פאַרדינסטן מיט דעם, וואָס ער האָט אַנטדעקט אַלס פּיאָנער די מעטאָדן פון רייניקן די פאַרשיידענע מינים פון הייל־וואַסער־קוואַלן אין סאַראַטאָגאַ ספּרינגס. ביי די אַמעריקאַנער איז דר. באַרוכס נאָמען פּשוט פאַרגעטערט. אויף דער איסט־סייד געפינט זיך אויף זיין נאָמען, אַ באַרוך־פּליים און אַ באַרוך־פּאַרק. זיין זון, דער גרויסער פינאַנסיסט, בערנאַרד באַרוך, איז געווען ווילסאָנס ראַטגעבער און האָט פאַרנומען, בעת דער פריערדיקער וועלט־מלחמה איינע פון די פאַראַנטוואָרטלעכסטע מלחמה־פאַרוואַלטונגס־אַמטן. אַ צווייטער מעדיקער איז פּראָפ. דר. אברהם יאַקובי, וועלכער איז אין 1844, צוזאַמען מיט זיינע עלטערן, געקומען פון דייטשלאַנד (וועסטפאַלן) קיין אַמעריקע. דר. יאַקובי האָט שטודירט אין ענגלאַנד און דערנאָך איז ער געוואָרן אַ טעטיקער לערער אין פאַרשיידענע אוניווערסיטעטן. ער האָט געמאַכט אַ רייע מעדיציניסשע דערפינדונגען, וועלכע זיינען ניט אָפּצושאַצן פאַר דער אַמעריקאַנער פאָלקס־געזונטהייט.

ווען מען וויל שרייבן וועגן דייטשע אידן אין דעם אַמעריקאַנער באַנק־וועזן, מוז מען פון סאַמע אָנהויב דערמאָנען דעם נאָמען פון דעם גרויסן פינאַנסיסט און פילאַנטראָפּ, דזשייקאָב ה. שיף. די שיף־פאַמיליע האָט אַן אַלטע פאַרגאַנגענהייט. נאָך אין 14־טן יאָרהונדערט טרעפן מיר די שיף־פאַמיליע אין פראַנקפורט אַם מיין. שיפס פאָטער איז געווען אַ קליינער באַנק־באַאַמטער אין פראַנקפורט, ביי די ראָטשילדס. קומענדיק אַהער, איז שיף אַריינגעטראָטן אין דער אידיש־דייטשער באַנק „קוהן, לאָעב און קאָ.". דאָרט האָט ער אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון אידישן באַנקיר לעאָב. ער טרעט דאַן אַריין אַלס שותף אין דער זעלביקער באַנק. ער ווערט דערנאָך די נשמה פון דער באַנק, וואָס איז, אונטער זיין אָנפירונג, אויסגעוואַקסן צו אַוועלט־באַרימטער אינסטיטוציע. די באַנק האָט זיך ספּעציאַליזירט אין געבן הלוואות פאַר

מלוכות. דזשייקאָב ה. שיף האָט געהאַט געגוג מוט אָפּצוזאָגן די רוסישע מלוכה אין אַ הלוואה דערפאַר, וואָס די צאַרישע רע־גירונג האָט איינגעאָרדנט פּאָגראָמען און אַנדערע פאַרפאָלגונגען אויף די אידן אין רוסלאַנד. עס איז איבעריק דאָ גענוי זיך אָפּ־צושטעלן אויף זיין פילאַנטראָפּישער טעטיקייט, ווייל עס איז אַלעמען גוט־באַוואוסט. זיין גייסטיקער יורש, פעליקס מ. וואַרבורג ווען מען די מאָדערנע אידישע געשיכטע וועט געדענ־קען, ווי איינעם פון די געטרייסטע גרויסע זין פון אידישן פאָלק, האָט אויך געהערט צו דער פראַנקפורטער גענעראַציע.

די פראַנקפורטערס האָבן בכלל אַריינגעשריבן אַ זייער חשוב קאַפּיטל אין דערווירטשאַפטס־געשיכטע פון אַמעריקע. העכער 100 יאָר האָט זיך געצויגן אַ פעדעם־נעץ צווישן דער היגער וואָל־סטריט און דעם פראַנקפורטער בערזן־פּלאַץ. אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט, האָט פראַנקפורט געהערט צו די ליבעראַלסטע שטעט אין דייטשלאַנד. און נאָכ־דעם ווי די רעאַקציאָנערע רעגירונגען אין די דייטשע פּראָווינצן האָבן גענומען פאַרפאָלגן די ליבעראַלע גרופּירונגען, האָבן פיל אידישע באַנקירן און האַנדלס־באַראָנען איבערגעטראָגן זייערע אונטערנעמונגען קיין אַמעריקע און האָבן אַזוי אַרום געדינט אַלס פאַרמיטלער צווישן אַמעריקע און דעם אייראָפּעאישן פינאַנץ־און האַנדלס־וועלט. דער ערשטער אידישער באַנקיר־פליכט־לינג פון פראַנקפורט אין אַמעריקע, איז געווען פיליפּ שפּייער. ער איז אַהער געקומען אין יאָר 1837 און געעפנט אַ באַנק אונטער זיין נאָמען. אין 1851, ווערט געגרינדעט אַ צווייטע פראַנקפורטער באַנק דורך דעם אידישן באַנקיר לאַזאַרוס האַל־גאַרטען. אַ דריטע באַנק איז געווען פון די שותפים „גרינבוים און באַלין", און דער באַקאַנטער דזשווינט־עסקן און פילאַנטראָפּ, פּאול באַערוואַלד, איז געווען דער היגער פינאַנץ־פאַרטרעטער פון דעם אייראָפּייאישן באַנק־קאָנצערן „ברידער לאַזאַר" אין פּאַריז, בערלין און לאָנדאָן.

אויך די אַמעריקאַנער אינדוסטריע איז שטאַרק באַאיינ־

פלוסט געוואָרן פון די היגע פראַנקפורטער פינאַנציסטן. מען דאַרף וויסן אַז אין פראַנקפורט איז געווען די צענטראַלע עקזע־קוטיווע פון ראָטשילדס באַנקהויז, וואָס האָט געהאַט אָפּטיילונ־גען אין אַלע גרויסע אייראָפּייאישע פינאַנץ־צענטערס. אין ראָטשילדס צענטראַלע האָבן זיך קאָנצענטרירט די הויפּט־נערוון פון דער אייראָפּייאישער פינאַנץ־פּאָליטיק. פראַנקפורט האָט דיקטירט די באַנק־פירשטן פון בערלין, פּאַריז, לאָנדאָן און ווין. די זיידן (סילק)־אינדוסטריע און דער מעטאַל־האַנדל איז קאָנ־טראָלירט געוואָרן פון די היגע פאַרטרעטער פון דער דייטשער באַנק־וועלט. אידיש־דייטשע פליכטלינגע אין ניו־יאָרק זיינען געווען די פאַרבינדונגס־מענער צווישן אַמעריקע און דעם וועלט־מאַרק.

אין 1847 קומט פון דער שווייץ, צוזאַמען מיט זיינע עלטערן, מאיר גוגענהיים, וועלכער האָט געגרינדעט די גרעסטע זילבער־שמעלצערייען און זיינע זין, אייזיק, דניאל און סימאָן, זיינען געוואָרן די קופּער־פירשטן פון דער וועלט. זיי זיינען אויך גע־ווען גרויסע אַמעריקאַנער מעצענאַטן און פילאַנטראָפּן. זיי האָבן געגרינדעט אַ רייע מוזיק־ און קונסט־אַנשטאַלטן, ווי אויך אַנדערע וויסנשאַפטלעכע אונטערנעמונגען.

צווישן די אידישע פליכטלינגע, וואָס זיינען אַהערגעקומען אין 1848 מיטן גענעראַל שורץ פון בערלין, האָבן זיך געפונען די עלטערן פון די ברידער הערבערט און אירווינג לעהמאַן, סע־מיועל אונטערמייער, דר. סיירוס אַדלער, דער גרויסער באַנקיר און געוועזענער פּרעזידענט פון מאַנופאַקטשורערס־טראַסט־קאָמפּאַניע, ניימען דזשאַנאַס, דיביידע ברידער און האַנדעלס־פּיאָנערן, איזידאָר און טשאַרלס גימבעל, וועלכע האָבן זייערע דעפּאַרטמענט־סטאָרס אונטער דעם נאָמען „גימבעל בראָדערס", די פאַמיליע פון הויפּט־ריכטער מאיר זולצבערגער (וועלכער שטאַמט פון שטעטל זולצבערג אין בייערן), צווישן וועלכע עס געפינט זיך אויך דער אַרויסגעבער פון דער „ניו־יאָרק טיימס", דער אידישער פלאָט־קאָמאַנדיר אַדאָלף מאַרקס, וועלכען איז נאָך זיין קומען אַהער פון דייטשלאַנד באַלד אַריינגעטראָטן

אין דער פלאָט-אַקאַדעמיע, געוואָרן שיפס-קאַפּיטאַן, קאָמאַנדירט קריגס-שיפן בעת דער שפּאַניש-קובאַנער מלחמה און ער האָט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון, ווי אויך אַסך אַנדערע.

אַלס פּיאָנער פון אידישן צייטונגס-וועזן אין אַמעריקע דאַרף דערמאַנט ווערן דער אידיש-דייטשער אימיגראַנט, יצחק לעסער, פון וועסטפאַלן. ער איז אַהער געקומען מיט אַ טראַדיציאָנעלער אידישער דערציאונג און ער האָט פיל מיטגעשטייערט צו דער אַנטוויקלונג פון אידישן לעבן. אין 1843 האָט ער אַרויסגעגעבן די ערשטע אידישע צייטונג אין דייטש און ענגליש, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „אָקסידענט". לעסער האָט געהאַלטן אין איין רופן דעם אידישן כלל צוצוגרייטן זיך צו דער גרויסער אי-דישער וואַנדערונג, וואָס וועט קומען פון רוסלאַנד. ער האָט זיך אויך פאַראינטערעסירט מיט פאַרשיידענע קאָלאָניזאַציע-פּלע-נער, וואָס זיינען אַנטשטאַנען צווישן די איינגעוואַנדערטע אידן און האָט דידאַזיקע פּלענער אונטערשטיצט. די קאָלאָניזאַציע-פראַגע איז שוין דעמאָלט געווען אַ זייער ברענענדיקע. מען האָט שוין צו יענער צייט פאַרשטאַנען, אַז אין דער נייער וועלט מוז מען קומען צו אַ ניי-לעבן, אויף נייע יסודות געבויט. און אויף דעם דאָזיקן געביט זיינען געמאַכט געוואָרן פאַרשיידענע פּראָבעס, סיי געלונגענע און סיי ניט קיין געלונגענע.

נאָך אין 1783, האָט אַ דייטשער איד געשריבן אַ בריוו צום ערשטן פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, אין וועלכן ער באַגריסט אים פון סאַמע אָנהויב לכּבוד דעם גרויסן זיג פון דער יונגער רעפּובליק און ער בעט אים, אַז אַזוי ווי די פאַראייניקטע שטאַטן האָט געגוג אומבאַפּעל-קערטן און ליידיגן באָדן, זאָל ער אַ טייל אָוועקגעבן אויף אַגראַר-ווירטשאַפטלעכע צוועקן פאַר אידישע קאָלאָניסטן און אַזוי אַרום געבן די אידן אַ מעגלעכקייט צו ציען חיונה פון דער מוטער-ערד. אין זעלביקן בריוו פרעגט דער דייטשער איד ביי דזשאָרדזש וואַשינגטאָן: „גלויבן מיר דען ניט אין זעלביקן גאָט, וואָס די קוועיקערס?" (קוועיקערס — אַ קריסטלעך-רעליגיעזע סעקטע, וואָס איז דאַמאָלט קאָלאָניזירט געוואָרן). ליידער איז

ניט באַקאַנט דער ווייטערדיקער גורל פון אַט־דעם בריוו און וואָס וואַשינגטאָן האָט אויף אים געענטפערט. אין 1820, גרינדעט אַ איד, משה לוי, אין פלאָרידאַ אַ קאָלאָניע. ער האָט דאָרט באַזעצט 70 קאָלאָניסטן, אויפגעבויט 28 הייזער, און אין דריי יאָר אַרום ווערט עס ליקווידירט. אין 1838 ווערט אין סטייט ניו־יאָרק געגרינדעט אַ קאָלאָניע מיטן נאָמען „שלום" און האָט אויך ניט געהאַט קיין אריכת ימים.

אין דער אידישער געשיכטע, ווי אין דער געשיכטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן בכלל, פאַרנעמט אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ דער גרויסער איד און אַמעריקאַנער, מרדכי עמנואל נח. זיין לעבנס־טעטיקייט האָט שוין געדינט אַלס אַ טעמע פאַר פאַר־שיידענע ראָמאַניסטן. ער שטאַמט פון אַ מאַראַנען־פאַמיליע פון פּאָרטוגאַל. זיין פאָטער האָט זיך באַטייליקט אין דער אַמע־ריקאַנער רעוואָלוציע קעגן ענגלאַנד. אויף דער חתונה פון זיינע עלטערן איז געקומען דזשאָרדזש וואַשינגטאָן. אין 1800, ד. ה. ווען מרדכי עמנואל נח איז אַלט געווען 15 יאָר, האָט ער זיך שוין באַשעפטיקט מיט פּאָליטישער זשורנאַליסטיק. אין 1813 ווערט ער געשיקט אַלס אַן אַמעריקאַנער קאָנסול קיין טו־ניס. ער איז שטאַרק פאַרפאָלגט געוואָרן פון זיינע פּאָליטישע קעגנער. אַלס שטאָלצער איד, וויל ער העלפן לייזן דאָס אידן־פּראָבלעם. ער קויפט אָפּ אין גרענד איילאַנד, ביי באַפאַלאָ, 2555 אַקער לאַנד און אין תשרי פון יאָר תקפ"ה (1825) ווערט מיט גרויסע פייערלעכקייטן געלייגט דער גרונט־שטיין פון אַ גרויסן אידישן ישוב, וואָס האָט געזאָלט טראָגן דעם נאָמען „אררט" און איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ מקום מקלט פאַרן אידישן פאָלק. דער גאַנצער פּלאַן האָט אָבער געליטן אַ דורכ־פאַל. אַ צווייטער מערקווירדיקע פיגור אין דער געשיכטע פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין אַמעריקע איז געווען דער קראַ־קאָווער לאַנדסמאַן, שמעון בערמאַן, וועלכער האָט אין 1852 געגרינדעט אַן אַגראַר־געזעלשאַפט און געפירט אַ פאַנאַטישע אַגראַר־פּראָפּאַגאַנדע צווישן די פוילישע אידן וועגן באַזעצן זיך אויפן לאַנד. זיינע קאָלאָניזאַציע־פּלענער האָבן אָנגעשפאַרט צו

משה מאָנטעפיאָרע, אָבער צוליב דעם שווערן קריזיס, וואָס איז אַנטשטאַנען מיט אַ יאָר שפּעטער — עס איז געווען אַ וואַל־יאָר פאַר פּרעזידענט — איז אויך דידאָזיקע אונטערנעמונג ניט געקרוינט געוואָרן מיט קיין דערפאָלג. אין דער נייער פאַרשונגס ליטעראַטור פון ייוו"א פאַרנעמט שמעון בערמאַן און זיינע קאָלאָניזאַציע פּלענער אַ חשובן אָרט.

דאָך דאַרף מען פאַרצייכענען צוויי זייער־וויכטיקע קאָלאָ־ניזאַציע־פּרואוון, וועלכע האָבן זיך איגנאָנצן געשטיצט אוים־שליסלעך אויף פּריוואַטער איניציאַטיווע, אָן וועלכע עס איז עפנטלעכע אונטערשטיצונגען, און עס איז מעגלעך, אַז טאַקע דערפאַר האָבן זיי געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. אַזוי האָט אַן עלזאַסער עמיגראַנט, וואָס שטאַמט פון די מאַראַנען, הענרי קאַסטראָ, אַראָפּגעבראַכט אויף זיינע אייגענע הוצאות מער ווי 5000 אידישע קאָלאָניסטן פון ריינלאַנד, זיי קאָלאָניזירט אין טעקסעס. העכער הונדערט טויזנט דאָלער האָט קאַסטראָ איני־וועסטירט אין זיינע קאָלאָניעס. אין דער אַלגעמיינער געשיכ־טע פון טעקסעס, ווערט קאַסטראָ שטאַרק געלויבט אַלס אַ גרוי־סער אַגראַר־פּיאָנער, די רעגירונג פון טעקסעס האָט צו אים אַרויסגעוויזן דאַנקבאַרקייט פאַר זיין ברייננען אַהין ציוויליזאַציע און זי האָט איינע פון די שטעט, וואָס זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן פון זיינע קאָלאָניעס, אַ נאָמען געגעבן קאַסטראָ.

אַ צווייטער ענלעכער דערפאָלגרייכער קאָלאָניזאַציע־פּיאָ־נער איז געווען דער עסטרייכישער פליכטלינג איזידאָר בוש, וועלכער האָט געמוזט צוליב זיינע ליבעראַלע געדאַנקען פאַר־לאָזן עסטרייך, וואו ער האָט אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל פאַר פּאָליטישע פּראָבלעמען, און קומען קיין אַמעריקע. דאָ האָט ער אין 1844 אַרויסגעגעבן אַ אידיש־דייטשע חודש־בלאַט „איזראַעלס העראָלד", וואו ער האָט שטאַרק פּראָפּאַגאַנדירט פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע. שוין זייענדיק אַ רייכער מאַן, האָט ער אין סטייט מיזורי, אָרגאַניזירט אַ קאָלאָניע מיטן נאָמען „בושבערג" און ער האָט אַרויסגעוויזן גרויסע פּראַקטישע אַג־ראַר־קענטענישן. בוש איז אויך געווען דער פּרעזידענט פון

צאָלרייכע אַלגעמיינע און אידישע קערפּערשאַפטן און אויך דער פּאָליטישער פירער פון די דייטשע ראַדיקאַלן. ער האָט צוזאַמען מיטן דייטשן גענעראַל שורץ געפירט אַ פאַרשאַרפטע פּראָפּאַגאַנדע לטובת אַ פולשטענדיקער גלייכבארעכטיקונג פון די נעגערס. ער האָט אויך געהאַט אַ דויערנדיקע קאָרעספּאָנ־דענץ מיט די פירנדיקע אידישע וועלט־פּערזענלעכקייטן, ווי סער מאָנטעפיאָרע אין לאָנדאָן, אַדאָלף קרעמיע אין פּאַריז און דער איטאַליענישער מיניסטער־פּרעזידענט לואידזשי לוצאטי. אויסער דייטש און ענגליש, האָט בוש געשריבן העברעאיש, פראַנצויזיש און איטאַליעניש.

די פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַ אידישער קאָלאָניזאַציע האָט שוין געהאַט אַזאַ ווירקונג, אַז עס האָבן זיך געשאַפן פאַרשיידענע גרופּן פון כלומרשטע בעלי־טובות, וואָס האָבן געטריבן שפּע־קולאַציעס מיט באָדן און צוגענומען ביי נאַאיווע אידן זייערע פאַר דאָלער. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז עס זאָל געגרינדעט ווערן אַ געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן אַגריקולטור צווישן אידן אין אַמעריקע. דער ערשטער פּרעזידענט פון אָט־דער געזעל־שאַפט איז געווען אַן אָנזעענער דייטש־אידישער עסקן, דר. זי־גיזמונד וואַטערמאַן. דייטשע אידן האָבן געגרינדעט קאָלאָ־ניעס אין די סטייטס פון באָפאַלאָ, מילוואָקי, וויסקאָנסין, מישי־גען און אילינוי. עס האָבן זיך אויך געשאַפן געמישטע גרופּן פון שטאָט און דאָרף, צו וועלכע מען האָט, אויסער ריין אַגראַר־אַרבעטער, אויך שוין געברויכט סוחרים, מעכאַניקער, דאָקטוי־רים און אַנדערע. צווישן די אידישע פּליטלינגע, וואָס זיינען געקומען אין 1848, האָט זיך אויך געפונען דער יונגער אינזשינער אַדאָלף סוטרא פון אַכען, וועלכער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין גאָלד־ראַש אין קאַליפאָרניע. ער האָט אויף דעם געביט פון די גאָלד־פעלדער, געמאַכט אַ רייע זייער וויכטיקע דערפינדונגען, וואָס האָבן אריינגעבראַכט אַ רעוואָלוציע אין דער עקספּלואַטאַציע פון די גאָלד־מינעס. סוטראָ האָט, ווי עס איז דער שטייגער, באַ־קומען שונאים צווישן זיינע קאָנקורענטן און עס האָט זיך צופלאַקערט אַ קאַמף אויף לעבן און טויט. אַלע זיינע פּלענער

וועגן אויסבויען אַן אונטערערדישן טונעל אויף די גאָלד־פעלדער, האָבן זיינע קאָנקורענטן געוואָלט פאַרניכטן. עס איז אָבער זיי ניט געלונגען און סוטראָ איז אַרויס אַלס גלענצנדיקער זיגער. דאָס האָט אים נאַטירלעך געמאַכט פאַר אַ פילפאַכן מיליאָנער. סוטראָ האָט פאַר זיינע לייסטונגען אויך באַקומען אויסצייכע־נונגען פון דער שטאַט. אין די גאָלדגרובן פון קאַליפאָרניע זיי־נען, פון 1850 ביז 1857, געווען טעטיק העכער 3000 אידן, וואָס זיינען געקומען צולויפן צוליבן גאָלד־ראָש. אַ מאַראַן איז אויך געווען דער פיאָנער פון דער אָפּערע אין אַמעריקע. דער שפּאַ־נישער איד, לאָרינצו דע פינטי, וואָס איז געווען דער ערשטער אידישער פּראָפעסאָר אין דער קאָלומביע אוניווערסיטעט פון 1826 ביז 1837, האָט געבראַכט די איטאַליענישע אָפּערע קיין אַמעריקע.

מיט דער ערשטער שיף, וואָס איז דורכגעגאַנגען אין סאַן פראַנציסקאָ דאָס „גאָלדענע טויער", אין יאָר 1849, האָבן זיך געפונען די דייטש־אידישע פליכטלינגע זעליגמאַן, לאַזאַר, וואור־מסטער, גלאַזער און אַנדערע, וועלכע האָבן דערנאָך געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער אַמעריקאַנער באַנק־וועלט און גרוים־האַנדל. אויך אין ברוקלין איז אין דער זעלביקער צייט געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר אַ אידישן ישוב. אין 1850 איז אין ברוקלין געעפנט געוואָרן די ערשטע שול. פון די דייטש־אי־דישע ווירטשאַפט־פיאָנערן דאַרף מען דערמאָנען דעם „סעלף מעיד מען" מאַקס שוואַרץ, וועלכער איז אויך, ווי אַלע אַנדערע פליכטלינגע, אָנגעקומען אָהער אָרעם, נאַקעט און איז דערנאָך געוואָרן דער קעניג פון די אַמעריקאַנער ציגאַרן־פאַבריקן. אין זיין באַזיץ האָט זיך געפונען די גרעסטע ציגאַרן־פאַבריקן. ער איז געווען דער פּרעזידענט פון דער גרעסטער אַמעריקאַנער צי־גאַרן־אינדוסטריע קאָרפּאָריישאַן. ער איז אויך געווען טעטיק אין דעם „סענטראַל סינאַגאָג", וואָס איז, ווי דער „עמנואל"־טעמפּל, געגרינדעט געוואָרן פון דייטשע „יאַהודים". אין 1857 האָט זיך אין סאַן פראַנציסקאָ באַזעצט דער פליכטלינג פון פּריי־סיש־פּוילן, פון שטעטל סטרעלנאָ ביי בראָמבערג אין פּאָמערן,

שמואל מייקלסאָן. ער האָט מיטגעבראַכט אַ קליין קינד, אַל־בערט, וואָס האָט דערנאָך באַזוכט אַ רייע היגע שולן. שמואל מ. האָט געהאַט בדעה זיין זון צו לאָזן דערציען אַלס אַ פּלאָט־אָפיציר און ער האָט אים שוין געהאַט אַריינגעגעבן אין דער פלאָט־אַקאַדעמיע. אָבער שוין פון דער יוגנט האָט זיך אַלבערט אויסגעצייכנט אין פיזיק און מאַטעמאַטיק. ער איז אַוועק אין אַן אַנדער ריכטונג, געלערנט אין פאַרשיידענע היגע אוניווערסי־טעטן און אויך אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך און ענגלאַנד. אין 1889 קומט אַלבערט מייקעלסאָן צוריק קיין אַמעריקע, ווערט פּראָפעסאָר אין דער שיקאַגער אוניווערסיטעט, וואו ער האָט זיין אַמט ביזן יאָר 1904. מ. האָט אויך באַקומען אַ רייע זייער וויכטיקע אַקאַדעמישע אויסצייכנונגען, און אַלס ערשטער אַמע־ריקאַנער און ערשטער איד, האָט ער אויך באַקומען די „נאָבל־פּרעמיע".

די דייטש־אידישע אימיגראַציע האָט אויך געהאַט אַ זייער פּראָמינענטע רבנישע פּערזענלעכקייט, רבי מרדכי (מאַרקוס) יאַסטראָוו. ער איז געווען אַ פּרייסישער בירגער און ער האָט געהאַט דאָס רבנות אין דער וואַרשעווער טלאָמאַצקער סינאַ־גאָגע. זייענדיק אין פּוילנס הויפּטשטאָט, האָט ער זיך באַ־קענט מיט פאַרשיידענע פּוילישע פּראָבלעמען און איז געוואָרן אַ פריינט פון די פּוילישע פרייהייטס־קעמפער. דעם 27־טן פעברואַר 1861 איז אין וואַרשע פאָרגעקומען אַ נאַציאָנאַל־פּוי־לישע דעמאָנסטראַציע, בעת וועלכער די קאָזאַקן האָבן דערשאָסן 5 דעמאָנסטראַנטן. די לויה פון די געפאַלענע איז פאָרגעקומען אין אַ שבת און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּוילישער נאַ־ציאָנאַלער מאַניפעסטאַציע. טראָץ דעם, וואָס עס איז געווען שבת, איז יאַסטראָוו צוזאַמען מיטן צווייטן וואַרשעווער רב און פּוילישן פּאַטריאָט, ר' דוב בעריש מייזליש, געווען ביי דער קבורה פון די 5 געפאַלענע. ער האָט אויך אין דער סינאַגאָגע גערעדט וועגן זעלביקן ענין. יאַסטראָוו, צוזאַמען מיט מייזלישן, זיינען דערפאַר אַרעסטירט געוואָרן דורך דער צאַרישער מאַכט. און היות ווי ער איז געווען אַ פּרייסישער בירגער, איז ער

צוגעשטעלט געוואָרן צו דער רוסיש־פּרייסישער גרענעץ (אויך הרב מייזליש איז באַפרייט געוואָרן און ער האָט געמוזט אוועק קיין קראָקע). אין 1866 קומט רבי יאסטראוו קיין אַמעריקע און ער ווערט ראַבינער אין דער שול פון די דייטשע אידן אין פילאַדעלפיע „רודף שלום", וואו ער באַשעפטיקט זיך אויך מיט אידיש־וויסנשאַפטלעכע ענינים. זיינע צוויי זין, מאָרים און יוסף, זיינען געוואָרן באַרימטע פּראָפעסאָרן פון פּסיכאָלאָגיע און אָריענטאַלישע שפּראַכן, אין די אוניווערסיטעטן פון פּענסיל־וויניע און וויסקאָנסין.

אַזויווי די אידיש־פּוילישע פליכטלינגע האָבן צוזאַמען מיט זייערע לאַנדסלייט זיך באַטייליקט אין דער אַמעריקאַנער רע־וואָלוציע, ווען די אַמעריקאַנער פרייהייט איז געווען אין אַ גע־פאַר, אַזוי האָבן אויך די אידיש־דייטשע פליכטלינגע, צוזאַמען מיט זייערע ניט־אידישע ליבעראַלע לאַנדסלייט, זיך אַריינגע־וואָרפן אין די קאַמפן פון בירגער־קריג, אין די יאָרן 1861־64, און זיך געשטעלט אין די רייען פון פּרעזידענט אייבערעהעם לינ־קאָלן, לטובת דער באַפרייאונג פון די שקלאַפן, וואָס איז געהאַנ־גען ווי אַ שאַנד־פלעק אויף דער אַמעריקאַנער פרייהייטלעכער רעפּובליק. מען דאַרף דערמאָנען, אַז די אידיש־דייטשע פליכט־לינגע, וועלכע זיינען געקומען אין דער תקופה פון 1848, זיינען אַלע געווען, פּונקט ווי די ניט־אידישע גרופּן פון גענעראַל שורץ, אָנגעזאַפּט מיט ליבעראַלע און ראַדיקאַלע אידעאַלן, פאַר וועלכע אייגנטלעך מען האָט זיי פאַרפאָלגט און צוליב וועלכע זיי האָבן געמוזט אַנטלויפן פון זייערע היימלענדער און זוכן אַ מקום־מנוחה אין אַמעריקע. איצט, ווען אין אַמעריקע איז געוואָרן אַ געפאַר פאַרן ליבעראַליזם, האָבן דידאָזיקע פליכטלינגע זיך געשטעלט אין דינסט פון דער רעפּובליק. פיל פון זיי זיינען געוואָרן העכערע מיליטער־אָפיצירן, און דער דייטש־אידישער באַנקיר, יוסף זעליגמאַן, איז געוואָרן דער צווייטער חיים סאלאָ־מאָן. ער האָט זייער באַדייטנדיק מיטגעהאָלפן, אַז די אַמעריקאַ־נער באַנדס זאָלן פאַרקויפט ווערן אויף די פאַרשיידענע אייראָ־פּייאישע בערזעס, שאַפנדיק דערמיט קאַפּיטאַלן לטובת לינ־

קאַלנס צד אין דעם בירגער־קריג. די אידיש־אַמעריקאַנער ביר־גערשאַפט איז בעת דעם בירגער־קריג ניט געווען איינהייטלעך. און מען קען עס פאַרשטיין. צווישן די אידן, ווי צווישן די ניט־אידן, זיינען פאַראַן פאַרשיידענע גרופּירונגען און ריכטונגען. אידישע קאַפּיטאַליסטן, וועלכע האָבן געהאַט פּלאַנטאַציעס, האָבן אויך בעסער געוואָלט, אַז מען זאָל קענען האָבן שקלאַפן מער, ווי פרייע אַרבעטער. אָבער די ליבעראַל־ראַדיקאַלע גרופּן, וועלכע האָבן זיך גרופּירט פון די פּליכטלינגס־קרייזן, וועמענס קומען אַהער איז געווען אַ פּועל־יוצא פון זייער לעכצן נאָך פריי־הייט, און זיינען אַליין אין זייערע היימען גערודפט געוואָרן, צוליב רעליגיעזע אָדער פּאָליטישע סיבות — זיי האָבן זיך אַלע, ווי איין מאַן געשטעלט אונטער דער פאָן פון איברעהעם לינ־קאָלן, וועלכער האָט מיט זיין קריסטאַל־ריינעם אידעאַליזם צו־געצויגן די אַלע, וועלכע שטרעבן צו אַ בעסערער אָרדנונג פון יושר און גערעכטיקייט.

איברעהעם לינקאָלן האָט אין איינע פון זיינע רעדעס גע־זאָגט: „איך האָב שטענדיק געגלויבט, אַז אַלע מענטשן ווילן און דאַרפן זיין פריי. אָבער זיכער איז, אַז אויב מענטשן ווילן זיין פאַרשקלאַפט, זאָלן זיי שקלאַפן זיין און בלייבן. פריער פאַר אַלעמען דאַרף מען אַרויפלייגן אַ שקלאַפן־יאָך אויף די מענטשן, וועלכע זיינען גרייט צו בלייבן שקלאַפן פון זייער אייגענעם ווילן און אויך אויף די, וועלכע שטרעבן נאָך דער פאַרשקלאַפונג פון אַנדערע. איך מוז זיך מודה זיין, אַז ווען איך הער עמיצן פאַר־טיידיקן שקלאַפעריי, האָב איך אַ שטאַרקן חשק אים אַליין צו האַלטן אונטער אַ שקלאַפישן יאָך". ווער נאָך מער ווי דער גע־יאָג־טער און פאַרפאָלגטער איד, היינט ווי מיט הונדערטער יאָרן צוריק, געפינט אין דידאַזיקע לינקאָלן־ווערטער, אַן אָפּקלאַנג פון זיין גייסטיקן איך? וואָס זאָגט אונזער תורה וועגן אַ קנעכט, וואָס האָט אָפּגעאַרבעט זעקס יאָר און ער וויל ניט אַרויסגיין אויף דער פריי?

עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס נאָכן סוף פון בירגער קריג זיינען פיל דייטש־אידישע מיטקעמפער געוואָרן לינ־

קאַלנס נאָענטסטע פריינט. דער שוין דערמאָנטער באַנקיר, יוסף זעליגמאַן פון ניו־יאָרקער באַנקהויז „י. און וו. זעליגמאַן" איז געוואָרן לינקאָלנס פינאַנץ־ראַטגעבער. ביי די פּרעזידענט־וואַלן אין 1864, איז געווען דער איינציקער אידישער וואַלמאַן פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי, דער דייטש־אידישער זשור־נאַליסט זיגיזמונד קויפמאַן, וועלכער איז אויך געווען פון די גרינ־דער פון די דייטש־אַמעריקאַנער ספּאָרט־פאַראיינען (וואָס זיינען, אגב, היינט ווייט פון צו זיין אידן־פריינטלעך), און לינקאָלן האָט אים אויך געוואָלט שיקן אַלס אַמעריקאַנער באַטשאַפטער קיין רוים, אָבער קויפמאַן האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט, ווייל ער האָט בעסער געוואָלט אַרבעטן אין דער פּאָליטיק אויפן אָרט, אין אַמעריקע גופא. צווישן לינקאָלנס נאָענטסטע פריינט האָבן זיך אויך געפונען די דייטש־אידישע רעפּובליקאַנער פּאָליטיקער, סעזאר קאסקעל, וועלכער איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעם אַמע־ריקאַנער מלוכה־מאַן גענעראַל גרענט, בעת יענער האָט געמאַכט אַ אידן־פיינטלעכע באַמערקונג און דער פּאָבלישער אַדאָלף סאַ־לאָמאָן, ביי וועמען אין דער סטודיע האָט לינקאָלן זעקס טעג פאַר זיין טויט, זיך געלאָזט מאַכן זיין היסטאָריש־באַרימט בילד.

די אידיש־דייטשע פליכטלינגס־וואַנדערונג האָט אין יענער תקופה געהאַט נאָך אַ מערקווירדיקע פּערזענלעכקייט, דר. יצחק נאָרדהיימער פון ערלאַנגען, אַ תלמיד פון באַרימטן פּרעשבור־גער גאון, דער חתם סופר, האָט זיך דאָ אין אַמעריקע אַזוי אויס־געצייכנט אין דער עוואַנגעלישער טעאָלאָגיע, אַז ער איז באַ־שטימט געוואָרן אַלס פּראָפעסאָר אין אַ היגן עוואַנגעליש־טעאָ־לאָגישן סעמינאַר פאַר גייסטלעכע און ער איז דערביי געבליבן טריי זיין אידנטום.

די אידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, סיי די פּוילישע און סיי די דייטשע אידן, זיינען שוין אין דער צייט פון 1870 ביז 1880 געווען גוט אָרגאַניזירט אויף אַלע געביטן פון רעליגיעזן, סאָציאַלן און קולטור־ערציערישן לעבן און האָבן זיך שוין אָנגעהויבן פּאָרבאַרייטן פאַר דער היסטאָרישער אויפגאַבע פון דער שפּעטערער צייט, אַריינצונעמען די מאַסן־איינוואַנדערונג פון רוסישן אידנטום.

1881 — די רוסישע פּאָגראָמען
און די „עם-עולם"-באַוועגונג

דעם ערשטן מערץ 1881 איז פאָרגעקומען דער אַטענטאַט אויף דעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן (1818-1881), וועלכער איז צוריסן געוואָרן פון אַ באָמבע. אויפן טראָן איז אַרויף אַלעקסאַנדער דער דריטער (1845-1894) מיט אַ פּאָליטיק — צו דערטרינקען די רוסישע רעוואָלוציע אין טייכן פון אידיש בלוט און טרערן. פּסח, דעם 21-טן אַפּריל 1881, איז פאָרגעקומען דער ערשטער פּאָגראָם, אָרגאַניזירט פון צאַריזם, אין יעליסאַוועטגראַד. דאָס איז געווען אַ סיגנאַל צו אַ גאַנצן מבול פון ווייטערע פּאָגראָמען אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך פון אַלע רוסישע פּראָווינצן, וואו עס לעבן קאָמפּאַקטע אידישע מאַסן.

פאַרצווייפלטע געשרייען האָבן זיך דערהערט אין אַלע אידישע שטעט און שטעטלעך אין דעם צאַרנלאַנד: וואָס טוט מען? וואוהין גייט מען? די פּאָגראָמען זיינען ניט געווען בלויז די ערשטע שטורעם-פויגל פון אַן אומרואיקער פינסטערער צייט פאַר דער צוקונפט, נאָר אַן אָפּקלאַנג פון די אַלטע כראָנישע וואונדן, מיט וועלכע די אידישע געשיכטע איז געווען אַדורכגעלעכערט. עס איז אַנטשטאַנען די אייביקע פראַגע — ווי מאַכט מען אַ סוף צו דער „שנאת עולם", צו דער אייביקער אַנטי-אידישער פיינטשאַפט? און וואָס זאָל ווערן מיט דעם „עם עולם", מיט דעם אייביקן פאָלק? וואוהין זאָל מען גיין, כדי צו קענען אויסמיידן אַנטיסעמיטיזם און אומאויפהערלעכן אידן-האָס פאַר דער צוקונפט? אין זיינע זכרונות אונטערן נאָמען „עפּיזאָדן פון מיין לעבן" („צוקונפט", אַפּריל 1940) שילדערט א. ליעסין די שרעקלעכע לאַגע פון יענער טרויעריקער תקופה פאַרן רוסישן אידנטום. ער גיט אַן איבערבליק איבער דעם אַנטייל פון דער אידישער יוגנט אין דער רוסיש-רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וועלכע האָט שוין געהאַט אין איר

דינסט באַדייטנדיקע אידישע קרעפטן — אַזעלכע, ווי מאַרק נאַ־טאַנזאָן און פּ. אַקסלראַד. נאַטאַנזאָן אַ קאָוונער בחור, האָט מיט זיין גוואַלדיקער איבערגעבנקייט, טאַקט, שכל און גרויסן אָרגאַניזאַטאָרישן טאַלאַנט, געשאַפן די צוויי גרעסטע רעוואָלו־ציאָנערע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד — די „טשייקאָווצעס", וואו טשייקאָווסקי האָט אייגנטלעך געשפּילט אַ גאַנץ קנאַפּע ראָלע, און די „זעמליאַ אי וואָליאַ", וואָס האָט זיך שפּעטער צו־שפּאָלטן אויף „טשאָרני פּערעדיעל" און „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". צווישן די „גייער אין (רוסישן) פאָלק" צייכענען זיך אויס וואונ־דערלעכע אידישע יונגעלייט, הייליקע נשמות. צום סוף פון די זיבעציקער יאָרן ווייזן זיך שוין אויך אידישע טעראָריסטן. אַזעל־כע רעוואָלוציאָנערע העלדן, ווי זונדעלעוויטש, די ברידער זלאַ־טאָפּאָלסקי און אַנדערע. אין קייזער־מאָרד פון ערשטן מערץ, 1881, נעמט אָנטייל אויך אַ אידישע פרוי, העלפמאַן — אמת, נאָר אין דער ראָליע פון דער באַלעבאָסטע פון דער קאָנספּיראַ־טיווער וואוינונג, וואו מען האָט דעם מאָרד צוגעגרייט. דאָס איז שוין אָבער געווען גענוג אויפצובלאָזן דעם העלישסטן אַנטי־סעמיטישן פלאַם. די רעגירונג האָט זיך דאָך ניט געקענט אָפּ־רעכענען מיט אַלע קאָזאַקן דערפאַר, ווייל זשעליאַבאָוו האָט געשטאַמט פון קאָזאַקן, אָדער מיט אַלע פּראַוואָסלאַוונע גלחים דערפאַר, ווייל קיבאַלטשיטש האָט געשטאַמט פון פּראַ־וואָסלאַוונע גלחים, אָדער מיט אַלע גובערנאַטאָרן דערפאַר, ווייל סאָפיע פּעראָווסקאַיאַ איז געווען די טאָכטער פון אַ גובערנאַטאָר. העלפמאַן איז אָבער געווען די טאָכטער פון אַ אידישן פישער פון מינסקער גובערניע — די טאָכטער פון אַ פאָלק, וואָס איז דער היסטאָרישער שעיר לעזאזל. און מען האָט זיך שוין באַלד גענומען פליוכן מיט גיפט, אַז די „זשידעס" פירן אַראָפּ פון וועג די רוסישע יוגנט. צום סוף האָט מען שוין איינגעשמועסט אויך דעם טעמפּן רשע, אַלעקסאַנדער דעם דריטן, וואָס פון אָנ־הויב האָט ער זיך געשראָקן פאַר די פּאָגראָמען, אַז די שולדיקע אין אַלץ זיינען די „זשידעס".

אַלס ענטפער אויף די אידישע צרות, איז געוואָרפן געוואָרן

דער לאַזונג — אַמעריקע! דערדאָזיקער לאָזונג איז באַלד אויפ־געכאַפּט געוואָרן פון דער אידיש־סאָציאַליסטישער יוגנט און עס איז אויך געווען אין הסכם מיט דעם אידעאַל פון די אידישע רעוואָלוציאָנערן. דאָרט, — אין אַמעריקע. — וועלן אידן מוזן אויפהערן צו זיין לופט־מענטשן, מען וועט זיך נעמען צום אַקער־אייזן און מען וועט ציען די חיונה פון מוטער־ערד. ממילא, ווען מען וועט שווער אַרבעטן ביי דער לאַנדווירטשאַפט, וועט דער אַנטיסעמיטיזם פאַרשוואונדן ווערן — אזוי האָט מען זיך געמאַכט די אויסוואַנדערונגס־פּלענער. מיט דעם האָט זיך אָנ־געהויבן די „עם עולם" באַוועגונג. קיין קלאָרע צילן און אויפ־גאַבן, — וואוהין צו פאָרן — האָט מען ניט געהאַט. דאָס האָט מען געהאַלטן פאַר אַ שפּעטערדיקער זאַך. דערוויילע האָט מען זיך געמוזט ראַטעווען פון העלעשן פייער. די שחיטות פון צאַ־ריזם האָבן אָנגענומען אַלס מער ערנסטע פאָרמען. מען איז געלאָפן פון לאַנד פון בלוט און טרערן, וואוהין די אויגן האָבן נאָר געפירט. דער רעזולטאַט פון אזא בהלה און לויפעניש איז גע־ווען, אַז אין די פאַרשיידענע פּרייסישע און עסטרייכישע גרענעץ־שטעטלעך האָבן זיך צונויפגעקליבן מאַסן־עמיגראַנטן, הונגעריקע באָרוועסע און נאַקעטע, אָן כח אָן מוט און אָן מיטלען צום לעבן. די הילפס־קאָמיטעטן אין מעמעל, טילזיט, האַמבורג, קעניגס־בערג, שטעטין, ברעמען, ווין, בראָד, לעמבערג, קראָקע, פּאַריז, האָוור זיינען ניט מער געווען ווי צדקה־אינסטיטוציעס און זיי האָבן זיך ניט געקענט אָפּגעבן מיט ווייטערדיקערע אויפגאַבן. עס איז דעריבער אין רוסלאַנד אַנטשטאַנען אַ באַוועגונג צו רע־גולירן די אויסוואַנדערונג אין אַ געוויסער ריכטונג, צו אַ גע־וויסן ציל.

מיט אָט־דעם געדאַנק זיינען געגרינדעט געוואָרן די „עם עולם" גרופּן, וואָס האָבן געהאַט פאַר זיך אַ באַשטימטן ציל — צו ממשותדיקער פּראָדוקטיווער אַרבעט, הויפּטזעכלעך ערד־אַרבעט. וואוהין? — דאָ זיינען שוין געווען צוויי ריכטונגען: פּאַלעסטינצעס און אַמעריקאַנצעס. די פּאַלעסטינצעס זיינען געווען די טרעגער פון ציוניסטישן אידעאַל, די „חובבי ציון",

וועלכע האָבן שוין דאַמאָלט געזען, אַז די איינציקע לייזונג פון דער אידן־פראַגע איז נאָר ארץ ישראל, און זיי האָבן אָרגאַני־זירט זייערע גרופּן, וואָס זאָלן עולה זיין קיין ארץ ישראל. זיי האָבן זיך גערופן מיט דעם נאָמען „בית יעקב לכו ונלכה" — קינדער פון יעקב לאָמיר גיין — אָדער, ווי זיי זיינען באַקאַנט אין דער געשיכטע פון ציוניזם מיט די ראשי־תיבות „ביל"ו". די אַמעריקאַנצעס האָבן אָבער געצויגן זייער גייסטיקע יניקה פון די ראַדיקאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע אידעאַלן. זיי האָבן געטענהט, אַז אומעטום, וואו מיר קענען זיך איינאָרדענען לויט אונזערע אידייען — דאַרף זיין אונזער היים, און זיי האָבן גע־ריכטעט די אויסוואַנדערונג קיין אַמעריקע, וואו די צוקונפט זאָל געבויט ווערן אויף אַ סאָציאַלן יסוד.

שוין אין זומער 1881 האָט מען זיך אָנגעהויבן צוגרייטן צו דער אַמעריקאַנער אויסוואַנדערונג. אין 1881-82, זיינען אַוועק קיין אַמעריקע די ערשטע דריי גרופּן פון קיעוו און אָדעס. דער־נאָך זיינען געגאַנגען ווייטערע גרופּן פון אָדעס און ווילנע. אין לעמבערג האָט מען די „עם עולם" גרופּן מיטגעגעבן אַ ספר־תורה און אַ גרויסע פאָן מיט דער אויפשריפט „דגל מחנה יהודה". קיין אַמעריקע זיינען די ערשטע גרופּן אָנגעקומען מיט דער שיף „בריטיש פּרינס", דעם 30־טן מאַי 1882. דער־נאָך זיינען געקומען ווייטערע גרופּן. דער גאַנצער פּלאַץ אַרום דעם קעסל־גאַרדן איז געווען געפּאַקט מיט איינוואַנדערער און אין די אַרומיקע גאַסן האָבן זיך אַוועקגעזעצט די פרויען מיט די קליינע קינדער אויף די הענט. זיי זיינען שוין געוואָרן אַנ־טוישט. עס האָבן זיך געמאָלדן פאַרשיידענע בעלי־טובות און זיי געוואָלט נעמען אַלס סטרייק־ברעכער, אָבער ווען מען האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט, האָט מען בעסער געוואָלט הונגערן, איידער „סקעבן".

צווישן די סאָציאַליסטישע „עם עולם" אימיגראַנטן, האָבן זיך אויך געפונען מיס אננא בראַנשטיין, וועלכע איז שפּעטער געוואָרן מרס. קאַהאַן און אב. קאַהאַן, דער וועטעראַן פון דער אידישער זשורנאַליסטיק און פון דער היגער אידיש־סאָציאַליסטי־

שער באַוועגונג. נאָכן קיעווער פּאָגראָם, איז מיט בראָנשטיין צוגעטראָטן צו דער קיעווער גרופּע, וואָס איז געפירט געוואָרן פון ניקאָלאַי אָלעיניקאָוו קיין אַמעריקע און אב. קאהאַן איז אין עלטער פון 22 יאָר געקומען אַהער, דעם 6-טן יוני 1882, מיט דער באַלטער „עם-עולם"-גרופּע. אב. קאהאַן שטאַמט פון ווילנע, אָבער אין יענער צייט איז ער געווען אַ לערער אין דער רוסישער פּראָווינץ, און נאָכדעם ווי ער איז פאַרפאָלגט געוואָרן פון די רוסישע זשאַנדאַרמען, איז ער געווען געצוואונגען צו אַנטלויפן קיין אויסלאַנד, און אויפן וועג האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דער באַלטער „עם-עולם" גרופּע. מיט די זעלביקע גרופּן זיינען דאַמאָלט אויך געקומען די זייער פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן, ווי דר. ספּיוואַקאָווסקי, וועלכער האָט זיך דאָ גערופן ספּיוואַק, און ער האָט זיך פאַראייביקט אין דער גרינדונג און אין אומדערמידלעכן אויפבוי פון סאַנאַטאָריום אין דענווער, אַלעקסאַנדער האַרקאַווי, דער שפּעטערער פּעדאַגאָג דר. שמואל באַדאַנעס, דר. ראַיעסקי און אַנדערע.

פאַר די לעזער, וועלכע אינטערעסירן זיך מער אויספירלעכער מיט יענער „שטורעם און דראַנג" פּעריאָד, ווען עס איז געלייגט געוואָרען דער פונדאַמענט פון דער רוסיש-אידישער איינוואַנדערונג, דאַרף מען רעקאָמענדירן צו לייענען אב. קאַהאַנס זייער אינטערעסאַנטע „בלעטער פון מיין לעבן" (ניו-יאָרק, 1926). עס ווילט זיך נאָר אָפּשטעלן אויף איין פּרט, כדי דערמיט דורכצוציען אַ פּאַראַלעל מיט דער איצטיקער פליכטלינגס-איינוואַנדערונג פון די דייטשע אידן. און דאָס איז די שפּראַך-פראַגע. אב. קאַהאַן ברייינגט אין אייניקע ערטער, אַז ער האָט פאַרקערט אין קרייזן פון רוסיש-אידישע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן גערעדט און געזונגען דורכאויס רוסיש. אַזעלכע זיינען געווען די לאַנדסלייט פון אַדעס, קיעוו, קרעמענטשוג און אַנדערע שטעט פון דרום-רוסלאַנד. אפילו די גרופּע, וואָס האָט אָנגעפירט אידישע סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונגען, פלעגט צווישן זיך שטענדיק ריידן נאָר רוסיש. די סאָציאַליסטישע טערמינאָלאָגיע איז איבערגענומען געוואָרן פון די דייטשע גענאָסן.

וועגן יענער תקופה דערציילט אויך דער גרינדער פון „אינ־טערנייִשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן", אברהם ראָ־זענבערג, אין זיינע דעראינערונגען וועגן „די קלאָוקמאַכער און זייערע יוניאָנס", אַז די איירישע לאָנגשערמען, וועלכע האָבן גע־אַרבעט ביים אָנלאָדן און אויסלאָדן די גרויסע שיפן, האָבן פאַר־סטרייקט. זיינען גלייך געקומען אַגענטן אין העסטער און עסעקס סטריטן זוכן אַרבעטער, צוזאָגנדיק זיי, 40 סענט אַ שטונדע און „סטעדי" אַרבעט. מען איז געלאָפן צו דער אַר־בעט, ווייל מען האָט ניט געוואוסט פון קיין זאַך. מיט עטלעכע טעג שפּעטער, איז די סטרייקערס געלונגען צו כאַפּן אייניקע פון די אידישע סקעבס און האָבן זיי געגעבן צו פאַרזוכן, וואָס עס הייסט צו זיין סטרייק־ברעכער. די אידן האָבן געטענהט, אַז זיי האָבן ניט געוואוסט, וואָס אַזוינס אַ סטרייק איז. איצט האָבן זיך די צוויי אַרבעטער־גרופּן באַפריינדעט און די אידישע אַרבעטער האָבן זיך דערוואוסט, אַז עס איז פאַראַן אויף דער וועלט אַזאַ קאַמף־מיטל, וואָס רופט זיך סטרייק. אויך אַ צוויי־טער אַרבעטער־טוער פון יענער צייט, ב. ווײנשטיין, וועלכער איז אויך געקומען מיט דער אָדעסער גרופּע פון „עם עולם" גיט איבער, אַז עס איז ביי די וואַנדערער געווען אַ גליקלעכער טאָג, ווען זיי האָבן שוין פונדערווייטנס דערזען לאַנד! די מיטגלידער פון דער „היברו אייד סאָסייטי" (אידישער הילפס־פאַראיין), האָבן זיך מיט זיי באַלד פאַראינטערעסירט. דאָס רוב דזשאָבס האָט מען באַקומען ביי די קאָמיטעט־לייט אַליין. איינער פון די קאָמיטעט־מיטגלידער, אַ וואַרשעווער איד, מר. שטאַכעלבערג, האָט זיך זייער פריינטלעך פאַרהאַלטן צו די איינוואַנדערער און ער האָט באַלד פיל פון זיי אַריינגענומען אין זיין ציגאַרן־פאַבריק צו דער אַרבעט.

שוין אין 1883 זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן די ערשטע סטרייקן אין די שניידער־פאַכן. אין 1884 זיינען זיי אַרויס אין אַ גענעראַל־סטרייק, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן מוצאי יום כפור אין אַ בית המדרש פון די גאַליצאַנער אידן. אין 1886 איז געגרינדעט געוואָרן די כאַריסטן־יוניאָן, אין 1888 די שריפטזעצ־

צער־יוניאָן, און עס איז דאַמאָלט שוין אַנטשטאַנען אַ נויטווענ־דיקייט צו גרינדן אַ צענטראַלע פון די אידישע אַרבעטער־גע־ווערקשאַפטן. אין סוף פון 1889 האָט זיך געגרינדעט די קלאָוק־מאַכערס יוניאָן אין אַמעריקע, וועלכע האָט זייער שטאַרק באַ־איינפלוסט די אָרגאַניזירונג פון זעלביקן פאַך. בראש פון אָט־דער יוניאָן איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ זייער ערנסטער און איבערגעגעבענער יוניאָן־מאַן, יוסף באַראָנדעס. ער האָט געהאַט אין זיך דעם גאַנצן פייער פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן. ער האָט אָנגעהויבן צו דערקלערן די אַרבעטער די באַדייטונג פון אַ יוניאָן, און וואָס זיי קענען דערוואַרטן, אַז זיי וועלן זיין אָר־גאַניזירט. די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן צו פאַרגעטערן ממש באַראָנדעסן אַלס אַ צווייטער „משה רבינו", וועלכער איז גע־קומען אַרויסנעמען די אידישע אַרבעטער פון „לאַנד פון פאַר־שקלאַפונג". עס איז באַלד געקומען צו אַן „עפּידעמיע" פון סטרייקן, און שוין אין ערשטן יאָר פון איר אָרגאַניזירונג האָט זי געציילט אַן ערך אַכט טויזנט מעמבערס.

שוין אין די אַכציקער און ניינציקער יאָרן פון 19־טן יאָר־הונדערט, האָבן כמעט אַלע אידישע אַרבעטער געצויגן זייער חיונה פון די נאָדל־פאַכן. ניט בלויז אין ניו־יאָרק, נאָר אויך אין שיקאַגאָ, באָסטאָן, פילאַדעלפיע און באַלטימאָר. אַזויווי די אונ־טערנעמער זיינען געווען דייטשע אידן — ביז דעמאָלט האָט מען די פאַרטיקע אויסאַרבעטונגען אימפּאָרטירט פון דייטשלאַנד — איז די גאַנצע קליידונג־אינדוסטריע געלעגן אין אידישע הענט. מען דאַרף באַמערקן, אַז אין יענע שטורמישע איינוואַנדערונגס־תקופות, איז אַמעריקע געווען אָפן פאַר אידישער איינוואַנדע־רונג. אידישער קאַפּיטאַל און אידישע אַרבעט האָבן געהאַט אַ פרייען צוטריט צו פינאַנץ, האַנדל און אינדוסטריע. דער וועג צו די מערסטע פּראָפעסיעס איז געווען אָפן פאַר דער אידישער יוגנט. און זי האָט זיך טאַקע אַהער געצויגן אין גאַנץ גרויסע שטראָמען. באַלד פון עליס־איילאַנד האָט מען די אַרבעטער גענומען צו דער אַרבעט אין די שעפּער, ווער רעדט נאָך וועגן אַ גוטן אַרבעטער, פאַר זיי האָבן זיך די באָסעס ממש געשלאָגן...

אמת, די אידישע אַרבעטער זיינען געווען, און זיינען נאָך טיילווייז אויך איצט, מערסטנס קאָנצענטרירט אין די נאָדל-פאַך; אמת, דער אידישער האַנדל איז באַשטאַנען הויפּטזעכ-לעך פון פּעדלער און קליינע אידישע קרעמער, און די אידישע באַנקירן אויף דער איסט סייד — מיט גאַנץ קליינע אויסנאַמען — האָבן זיך פאַרנומען מער מיט פאַרקויפן שיפס-קאַרטן און שיקן געלט אין דער אַלטער היים, ווי מיט פינאַנסירן אינדוסט-ריעלע אונטערנעמונגען. אָבער דאָס איז געווען דער נאַטיר-לעכער פּראָצעס פון דער אידישער איינוואַנדערונג אַהער, און נים די שולד פון אַמעריקע. עס איז געווען פּונקט אַזוי נאַטיר-לעך פאַר דעם אידישן אימיגראַנט אַריינצופאַלן אין דער נאָדל-אינדוסטריע, ווי פאַרן איטאַליענער — אין דער שווערער אַר-בעט ביי די סאָבווייס, און פאַרן פּוילישן אימיגראַנט צו זוכן אַרבעט אין די קוילן-גרובן. אין דידאָזיקע אינדוסטריעס האָבן זיי געפונען זייערע אייגענע ברידער, וועלכע האָבן פאַר זיי אויסגעטראָטן דעם וועג און צוגעגרייט פאַר זיי אַ פּאָזיציע. צווישן זיי האָבן זיך די ניי-אָנגעקומענע געפילט כמעט אין אַ היימישער סביבה. זיי האָבן אָט-די סביבה אָנגעהאַלטן, ביז וואַנען זיי האָבן זיך לאַנגזאַם אַריינגעפּאַסט אין די נייע באַ-דינגונגען פון אַמעריקע.

אויך אין דער גרויסער אידישער וועלט, האָט מען שוין גע-וואוסט אָפּצושאַצן דעם גרויסן כח פון אַמעריקע. אין אַ רעפע-ראַט אין לאָנדאָן, אין 1885, האָט דער באַרימטער אידישער היס-טאָריקער, היינריך גרעץ, געזאָגט פאָלגנדיקע ווערטער, וועלכע האָבן דעמאָלט געקלונגען ווי נביאיש און היינט זיינען זיי פאָל-שטענדיק פאַרווירקלעכט געוואָרן: „דאָס אידישע פאָלק וועט אַמאָל אין אַמעריקע אויפבליען, אין דעם לאַנד פון פרייהייט און גלייכהייט. אַ גרויס און מעכטיק אידנטום וועט אַנטשטיין אין אַמעריקע אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט!"

די גרויסע כוואַליעס פון די רוסישע פּאָגראָמען, וואָס האָבן אָנגענומען אַ כראָנישן כאַראַקטער, האָבן, נאַטירלעך, דאָ גע-פונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג. אין פעברואַר 1882 זיינען אין ניו-

יאָרק און אין פאַרשיידענע אַנדערע שטעט פאַרגעקומען מאַסן־פּראָטעסט־מיטינגען מיט דער באַטייליקונג פון הויכע באַאַמטע פון דער פעדעראַל־רעגירונג. די רוסישע פּאָגראָמען האָבן אַלץ מער געטריבן קיין אַמעריקע. אויך אַנדערע טיילן פון רוסישן און פון רוסיש־פּוילישן אידנטום האָבן גענומען גיין קיין אַמע־ריקע. די צאַרישע רעאַקציע האָט ניט געשוינט די ביאַליסטאָ־קער אידן. אין די אַכציקער און ניינציקער יאָרן זיינען שוין אַהער געלאָפן ביאַליסטאָקער אימיגראַנטן. אַזוי אַז אין דעם 31־טן אָק־טאָבער 1886, איז שוין געווען אַ דרינגענדיקע נויטווענדיקייט צו גרינדן אַ צענטראַלע ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַנשאַפט, מיטן נאָמען ביאַליסטאָקער אונטערשטיצונגס־פאַראיין „סומך נופלים", וואָס עקזיסטירט נאָך ביזן היינטיקן טאָג. אין 1897 האָט מען שוין געדאַרפט גרינדן אַ צווייטע זייער וויכטיקע אינסטיטוציע, די ביאַליסטאָקער „ביקור חולים". נאָך דער אַדורכגעפאַלענער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע אין 1906, איז אין ביאַליסטאָק פאָרגעקומען איינע פון די גרעסטע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, וואָס איז געווען נאָך ערגער, ווי אין קישינעוו, און מאַסן אידן האָבן זיך אַוועקגעלאָזט מיטן וואַנדער־שטעקן קיין אַמעריקע. מען האָט עס אַ נאָמען געגעבן „יציאת ביאַליסטאָק".

דאָס זעלביקע איז אויך געשען מיט אַ צווייטן גרויסן אי־דישן אַרבעטער־צענטער — לאָדז. שוין אין 1892 איז אין לאָדז פאָרגעקומען אַ „ראַבונעק", וואָס האָט זיך ניט געהאַט וואָס צו שעמען פאַר די אַנדערע רוסישע פּאָגראָמען. שוין דאַמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויסוואַנדערונג קיין אַמעריקע, וואָס האָט באַזונדערס שטאַרק זיך אַנטוויקלט נאָך דער רעוואָלוציע אין 1905. מען דאַרף וויסן, אַז לאָדז איז געווען דער צענטער פון אידיש־סאָציאַליסטישן אַרבעטער־בונד. די לאָדזער וועבער און אויך אַרבעטער־פּרויען האָבן געקעמפט אויף די באַריקאַדן. לאָדזער אידישע אַרבעטער האָבן אויך מיטגעאַרבעט אין דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דעם ערשטן פּעפּעסאָ־וויעץ, וואָס די רוסן האָבן אויפגעהאַנגען, איז געווען אַ לאָדזער אידישער יונגערמאַן, קרוויזע. ס'פאַרשטייט זיך, אַז ווען די רע־

אקציע האט גענומען פארפאלגן און האט אנגעהויבן שטארק זיך נוקם צו זיין אין די רעוואלוציאנערן, איז פאר דער יוגנט געבליבן בלויז איין אויסוועג — אנטלויפן קיין אמעריקע. און טאקע, די לאדזער זיינען דא א זייער טיכטיקער עלעמענט אין די סאציאליסטישע און ארבעטער־רינג־ברענטשעס און אין לאנדסמאנשאפטלעכן לעבן בכלל. די לאדזער וועבער האבן זיך, אויסער אין ניו־יארק, באזעצט אין פעטערסאן, ניו־דזשוירזי, און האבן געשאפן א רייע וויכטיקע אינסטיטוציעס.

אויב די איינוואנדערונג פון קאנגרעס־פוילן האט זיך, אין פארלויף פון 19־טן יארהונדערט פאנאנדערגעוואקסן און צובליט, איז אבער די גאליציאנער איינוואנדערונג ביז 1881 געווען זייער א מינימאלע. עס זיינען נאר געווען געמישטע שולן פון פוילישע, גאליציאנער און אונגארישע אידן. די קראקאווער לאנדסלייט זיינען געווען פון די ערשטע איינוואנדערער. זיי האבן שוין געהאט אין 1867 אן „אגודת אחים" פאראיין אין ניו־יארק און אויך אין פילאדעלפיע איז געווען א בענעפיט־סאסייטי. עס איז באקאנט א פאקט, אז אין 1893 האט פרעזידענט קליוולאנד באשטימט אלס אמעריקאנער גענעראל־קאנסול אין ווין א קראקאווער אידישן אימיגראנט, א קליידער אינדוסטריעלער פון שיקאגא, מעקס יודקעוויטש, אדער ווי ער האט זיך שוין דא גערופן יודד, וועלכער האט זיך אויך פאראינטערעסירט אין דער פאליטיק. עס איז אבער אנטשטאנען א דיפלאמאטישער קאנפליקט צווישן ווין און וואשינגטאן. דער עסטרייכישער קייזער האט ניט געוואלט אנערקענען דעם נייעם גענעראל־קאנסול, אפיציעל איז דער אויסרייד געווען, ווייל יודד איז א געבוירענער עסטרייכער, איז פריער געווען אן עסטרייכישער בירגער און ער קען דעריבער ניט פארטרעטן קיין אויסלענדישע מלוכה. פרעזידענט קליוולאנד האט אבער ניט געוואלט פון גארניט וויסן. ער האט זיך געהאלטן ביים גענעראל־קאנסול יודד. און ער האט אים טאקע ניט צוריקגערופן. דער נייער גענעראל־קאנסול איז געבליבן אין ווין און די באשטעטיקונג פון עסטרייכישן קייזער האט, סוף כל סוף, דאך געמוזט געגעבן ווערן.

אין סוף פון 19־טן יאָרהונדערט איז אין רומעניע פאָרגעקומען אַן אויפשטאַנד פון די פויערים־מאַסן, און דאָס האָט זיך זייער שלעכט אָפּגערופן אויפן ווירטשאַפטלעכן און אַלגעמיין פּאָליטישן מצב פון די רומענישע אידן. עס האָבן זיך פון דאָרט אָנגעהויבן צו באַווייזן גרעסערע גרופּן רומענישע אימיגראַנטן־פּליכטלינגע אין ניו־יאָרק און אין אַנדערע שטעט. מיר ווילן דאָ דערמאָנען נאָר צוויי זייער פּראָמינענטע אידישע פּערזענלעכקייטן (יעדער אויף זיין אַרט), וואָס זיינען אַהערגעקומען פון רומעניע. דער ערשטער איז דער גרויסער אידישער געלערנטער פּראָפעסאָר דר. סאָלאָמאָן שעכטער, דער גרינדער פון אידיש־טעאָלאָגישן סעמינאַר (אויף בראָדוויי און 122־טע סטריט). און דער צווייטער — דער באַרימטער אַמעריקאַנער פילם־זשעני, עדוואַרד דזש. ראָבינסאָן, וועמענס ריכטיקער נאָמען עס איז עמנואל גאָלדבערגער. ער אַנערקענט זיך אַלס געטריי־איבערגעגעבענער איד.

אין דער צייט, ווען די איינוואַנדערונג האָט געהאַלטן אין איין פאַרגרעסערען זיך פון יאָר צו יאָר, האָט זיך שוין גענומען פילן אַ באַדערפעניש אין אַ קולטורעלן לעבן. די אידישע פּעריאָדישע פּרעסע האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון דער אַמעריקאַנער אידישער ליטעראַטור.

דער ערשטער אָרגאַן פון דער אידישער פּרעסע אין אַמעריקע — „אידישע ציימונג" (1870) — איז געווען שוין פאַרמישט אין אַמעריקאַנער וואַל־פּאָליטיק; דערצו האָט די ציימונג געפּרעדיקט אַמעריקאַניזאַציע; דאָך איז איר הויפּט־אינהאַלט, ווי אויך דער הויפּט־אינהאַלט פון אַנדערע אידישע פּעריאָדישע אויסגאַבן אין די ערשטע 10-15 יאָר געווען — נייעס פון דער וועלט. מיט איר האָבן זיך די אימיגראַנטן מער אינטערעסירט, ווי מיטן פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אַמעריקע. די אידן האָבן געוואָלט וויסן, וואָס עס טוט זיך אין יענע לענדער, וואָס זיי האָבן פאַרלאָזן. דערהויפּט זיינען זיי נייגעריק געווען צו הערן נייעס פון איראָפּע אין צייטן פון קריג. די ערשטע געדרוקטע אידישע ציימונג אין אַמעריקע, „די פּאָסט", איז געגרינ־

דעט געוואָרן טאַקע דאַן, ווען עס איז אויסגעבראָכן דער פּרייסיש פראַנצויזישער קריג (1870). די ערשטע אידישע צייטונג אין שיקאַגאָ, „די איזראַעליטישע פּרעסע" (1877) איז געגרינדעט געוואָרן בעת דער רוסיש-טערקישער מלחמה. אידן זיינען טיף פאַראינטערעסירט געווען אין איראָפּייאישע קאָנפליקטן. איי-ראָפּייאישע נייעס פאַרנעמען נאָך עד היום אַ גרויסן אָרט אין דער אַמעריקאַנער אידישער פּרעסע.

ביז דעם יאָר 1877 זיינען אין אַמעריקע בכלל ניט געדרוקט געוואָרן קיין ביכער אויף אידיש, אַחוץ אַ אידיש-דייטשע איבער-זעצונג פון „בן סירא" (1850) און אַ טייטשמערישע סעריע „גע-דיכטע אונד שערצע אין אידישער מונדאַרט", צווישן וועלכע עס האָט זיך, אגב, געפונען אויך יצחק אייכעלס קאָמעדיע „ר' הע-נאָך, אָדער וואָס טוט מען דאַמיט ?", — אַ סעריע, וואָס איז (מיט דייטשע בוכשטאַבן) איבערגעדרוקט געוואָרן פון אַ בערלי-נער אויסגאַבע אין סינסינעטי אהייא. אין 1877 איז אַרויס דאָס ערשטע אידישע בוך, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן אין אַמעריקע : „ישראל דער אַלטע" פון **יעקב-צבי סאָבעל.**

סאָבעל איז געבוירן געוואָרן אין 1831 אין קאָוונער גובער-ניע. ער האָט שטודירט אין ראַבינער סעמינאַר אין ווילנע, גע-לערנט דערנאָך אין אדעסער אוניווערסיטעט. אין 1871 ווערט ער אַ קרבן פון דעם פּאָגראָם, וואָס איז דאָרט אויסגעבראָכן און אין 1875 קומט ער אָן קיין אַמעריקע, וואו ער באַזעצט זיך פריער אין ניו-יאָרק און דערנאָך אין שיקאַגאָ.

מיר דאַרפן אויך דערמאָנען צוויי אַנדערע זייער פּראָמי-נענטע רעפּרעזענטאַנטן פון די ליטווישע און לעטישע אידן, וועל-כע זיינען אַהערגעקומען אַלס פליכטלינגע און האָבן זיך איינגע-קריצט אין דער מאָדערנער אַמעריקאַנער געשיכטע. דער ער-שטער איז דער באַרימטער פעדלער און פּאָליטיקער סאָלאָמאָן לעוויטאַן פון סטייט וויסקאָנסין. אויך אַ געבוירענער אין קאָוו-נער גובערניע, האָט ער געלערנט אין דער סלאָבאָדקער ישיבה און אין 1881 איז ער געווען אין קרים ביי זיינעם אַ קרוב. דאָרט איז גראָד אויסגעבראָכן אַ פּאָגראָם, וואו ער האָט גענומען אָן

אַנטייל אין זעלבסטשוץ. אָן אַ סענט ביי דער נשמה, קומט ער צו לויפן קיין אַמעריקע און דאָ איז ער אויך צווישן די ניט־אידי־שע פּאַרמערס, זייער באַרימט און באַליבט געוואָרן פאַר זיין קלוגשאַפט, פריינטלעכקייט און ערלעכקייט. ער איז געווען אַ פּעדלער. אָבער ווען מען האָט אים פאָרגעשלאָגן אַלס סטייט־טרעזשורער, אָן אַמט, וואָס פאָדערט אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט, האָט זיך לעוויטאַן ניט געוויטיקט אין קיין פּאָליטישן קאַמפּיין. ער איז געווען אַזוי געשעצט, אַז ער וואָלט זיכער געוואונען די וואַלן. דער קלוגער לעוויטאַן האָט ווירקלעך געשטעלט דעם סטייט וויסקאָנסין אויף די פיס דורך זיין געזונטער פינאַנץ־פּאָ־ליטיק. לעוויטאַן האָט אָנגעווענדט אין פּאָליטישן לעבן די־זעלביקע פשטות און האָט פּראַקטיצירט די זעלביקע ערלעכקייט, וואָס אין זיין פּריוואַטן לעבן אַלס פּעדלער, און דערנאָך אַלס דער־פּאָלגרייכער ביזנעסמאַן. דער באַגאַזש פון אידישן וויסן, אידי־שער חכמה און אידישע מדות, וועלכע ער האָט מיטגעבראַכט פון זיין ליטווישן שטעטל, זיינען אים תמיד בייגעשטאַנען.

די צווייטע רעפּרעזענטיווע פיגור, איצט שוין פון דער לע־טיש־רוסישער אימיגראַציע, האָט איר אין דער מערקווירדיגער אַלזייטיקער פּערזענלעכקייט — לעאָן מאָיסעיעוו. אַ געבוירע־נער אין ריגע, ווערט ער אַלס סטודענט פון דאָרטיקן פּאָליטעכ־ניקום אַריינגעצויגן אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועג־גונג, ווערט אַרעסטירט פון דער צאַרישער אָכראַנע. ער אַנט־לויפט אין די ניינציקער יאָרן קיין אַמעריקע. ער פירט, צוערשט, ווייטער אָן זיין ראַדיקאַלע טעטיקייט, ווערט דער רעדאַקטאָר פון דער אַנאַרכיסטישער צייטשריפט „פרייע געזעלשאַפט". ער איז געווען איינער פון די פיינסטע אידישע קריטיקער און עסיי־איסטן און אין די לעצטע יאָרן האָט ער זיך אין אַמעריקע זייער באַרימט געמאַכט אַלס איינער פון די גרעסטע בריקן־בוי־אינזשי־נערן, מיט זיינע טעכנישע דערגרייכונגען ביים בויען די גרעסטע אַמעריקאַנער בריקן. ווי, למשל, די בריק איבערן „דעלאַווער" אין פילאַדעלפיע, איבער דעם ברייטן האַפן אין סאַן־פראַנ־ציסקאָ און איבערן האָדסאָן. אַזוי אַז די קאָלאָמביע אוניווער־

סיטעט האָט געהאַלטן פאַר אַן ערן־חוב צו געבן ל. מאָיסעיעווין אַן אויסצייכענונג, אַ גאָלדענעם מעדאַל פאַר זיינע גלענצנדיקע פעאיקייטן אויפן געביט פון בריקן־בוי־טעכניק.

אַזוי זענען אויס די פליכטלינגע, וואָס ווערן פאַרפאָלגט אין זייערע פריערדיקע היימלענדער, און זיינען געוואָרן אַ ברכה פאַרן איינוואַנדערונגס־לאַנד.

אויפן שוועל פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז ניו־יאָרק אויך געווען דער דורכגאַנגס־פונקט פון אַן אייגנאַרטיקער וואַנדערונג פון רוסישע פּאָליטישע פליכטלינגע קיין קאַנאַדע. ווי דער ריכטער דזשאַנאַ דזש. גאָלדשטיין גיט איבער אין זיינע זכרונות (אין „מאָרגן־זשורנאַל" פון 17 מאַי, 1940), האָט ער זיך באַגעגנט מיט אַ מערקווירדיקן טיפּ פון פאַרגרעבטע און פאַרווילדעטע פויערים, וואָס האָבן גערעדט אויסטערלישע רוסישע דאַילעקטן און מען האָט געמוזט אויסלויפן איסט בראָדוויי, וואו רוסיש איז דעמאָלט געווען ממש די אומגאַנג־שפּראַך, ביז מען האָט געפונען אימיצן, וואָס האָט געקענט זייער ספּעציעלן דיאַלעקט. די ערשטע דוכאָבאָרן, אונטערוועגס קיין קאַנאַדע, האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין הענרי סטריט סעטלעמענט, וואָס איז געגרינדעט און אָנגעפירט געוואָרן דורך דער באַרימטער סאָציאַלער טוערין, מיס ליליען ד. וואַלד. זיי האָבן געוואַנדערט חדשים־לאַנג, ביז זיי פלעגן זיך דערשלאָגן קיין ניו־יאָרק און פון דאַנען ערשט קיין קאַנאַדע, אָדער דירעקט קיין קאַנאַדע, וואו עס האָט זיך ערשט געהאַט געגרינדעט זייערע אַ קאָלאָניע.

דער צאַר באַטיושקאַ האָט זיי גערודפט, ווייל זייערע מנהגים זיינען געווען אַנדערשדיקע, צו־מענטשלעכע, און האָבן געשמעקט מיט סאָציאַליזם, כאָטש די פויערים האָבן פון מאַרקסן ניט געוואוסט, און כאָטש זיי האָבן ניט געוואוסט פון רעוואָלוציאָנערע בראָשורן, נאָר פון דער ביבל אַליין זיך דערוואוסט, אַז דער מענטש דאַרף טיילן זיין ביסן מיט אַ מענטש. און אין יאָר 1897, ווען דער צאַר האָט זיי געגעבן וואָפן אין האַנט, האָבן זיי

געזאָגט, אַז זיי ווילן ניט שיסן. אין דער ביבל שטייט „לא תרצח", און אויב עס האַנדלט זיך וועגן דעם, ווען זיי זאָלן פאָלגן, דעם צאַר צי דעם באַטיושקא אויבן, וועלן זיי טאַקע גיכער פאָלגן גאָט. גראַף טאָלסטאָי האָט זיך פאַר זיי איינגעשטעלט, זיי זאָלן קענען אויסוואַנדערן, האָט ער זיי אוועקגעשיינקט די גאַנצע הכנסה פון זיין בוך „תחית המתים", אָבער די דוכאָבאָרן האָבן דאָס געלט ניט געוואָלט נעמען, ווייל עס איז געקומען, נאָך זייער מיינונג, פון אַ „ניט-לויטערן קוואַל". טאָלסטאָים בוך האָט ביי זיי געהייסן אַ ניט-לויטערער קוואַל.

דאָס צוואַנציקסטע יאָרהונדערט

מיטן אַריינטרעטן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, קומט דער אויפשוואונג אין דער אידישער איינוואַנדערונג קיין אַמע־ריקע פון אַלע טיילן פון גרויסן רוסלאַנד. מיר וועלן דאָ בריינ־גען עטלעכע ציפערן, וואָס אילוסטרירן דעם וואונדער פון דער אידישער געשיכטע, נסים פון דער אידישער איינוואַנדערונג אין אַמעריקע. אין 1824 זיינען געווען סך־הכל 6,000 אידן. אין 1840 — 15,000, אין 1890 — נאָך ניט קיין גאַנצער מיליאָן, און אין 50 יאָר אַרום — פינף מיליאָן אידן (כן ירבו)! אין פאַרלויף פון אַן ערך 70 יאָר, איז דאָ אַנטשטאַנען דער הויפּט־וואָרצל פון אידישן פאָלק, און אין אייראָפּע איז, אַפילו פאַר דער איצטיקער אידישער פאָלקס־טראַגעדיע, געבליבן די צווייטע העלפט, וואָס האָט זיך דערנערט פון אַמעריקאַנער אידנ־טום. אין פאַרלויף פון די לעצטע 20-25 יאָר, האָבן גאַנצע שטעטלעך געלעבט אויסשליסלעך אויפן חשבון פון די פאַר־שיידענע לאַנדסמאַנשאַפטן און אַמעריקאַנער קרובים. דאָס אַמעריקאַנער אידנטום איז דער אַפּוטרופּוס פון אייראָפּייאישן אידנטום, סיי מאַטעריעל און סיי פּאָליטיש, אַ טרייסט, אַן אָנ־שפּאַר פאַרן אידישן ליידנדיקן פאָלק.

פון 1900 ביז 1925, זייט ווען מען האָט איינגעפירט די ער־שטע אָפיציעלע סטאַטיסטיק פון אידישע וואַנדערער, זיינען קיין אַמעריקע אַריינגעקומען אַ מיליאָן עקאָנאָמיש־אַקטיווע מענער און פרויען. אין דעם דאָזיקן פעריאָד האָט די אידישע איינוואַנ־דערונג דערגרייכט איר העכסטע מדרגה, סיי אין צאָל און סיי אין דער ראָלע, וואָס די אידישע אַרבעטער האָבן געשפּילט אין דער אַלגעמיינער מאַסע פון דער אידישער איינוואַנדערונג. אין 1900, זיינען כמעט אַלע אידישע אַרבעטער אין ניו־יאָרק געווען באַשעפטיקט ביי די נאָדל־פאַכן. אין 1905, האָט דער אידישער פאַרמעגן אין דער אַמעריקאַנער נאָדל־אינדוסטריע באַטראָפן

526 מיליאָן דאָלער, בלויז די רוי־מאַטעריאַלן און די אויסגעאַר־בעטע סחורות האָבן געהאַט דעם ווערט פון העכער 300 מיליאָן דאָלער.

דער אָנהויב פון 20־טן יאָרהונדערט איז געשטאַנען אונ־טער דעם שווערן איינדרוק פון דער קעשענאַווער טראַגעדיע. אין אַפּריל 1903 האָט דער צאַרישער מיניסטער פּלעווע אָרגאַני־זירט דעם בלוט־באָד, וואָס האָט אָנגעהאַלטן דריי טעג. די דאָ־זיקע שחיטה האָט אויפגעטרייסלט דאָס ליבעראַל־פּראָגרעסיווע אַמעריקע. די אָפיציעל־פּאָליטישע און די אַלגעמיין־געזעל־שאַפטלעכע מיינונג איז געוואָרן אויפגעציטערט פון די האַרץ־רייסנדיקע ידיעות פון צאַרנלאַנד, און מען האָט אָנגעהויבן נאָך מער צו לויפן, ווי פון אַ פייער, פון די גרענעצן פון צאַרישן פּאָג־ראָמען־לאַנד. באַלד האָט זיך אָנגערוקט די יאַפּאַנישע מלחמה פון 1904 און די אַדורכגעפאַלענע רעוואָלוציע פון 1905. פון אַלע אַרבעטס־צענטערן און בכלל פון אַלע רוסישע פּראָווינצן האָט מען גענומען אויסוואַנדערן, כדי ניט אַריינצופאַלן צום תליון אין די הענט. אַזוי אַרום איז ווידער אַנטשטאַנען אַ מאַסן פּאָ־ליטישע עמיגראַציע קיין אַמעריקע. אַלס ענטפער אויף די שווערע פּאָגראָמען־יאָרן אין רוסלאַנד האָט דאָס אַמעריקאַנער אידנטום געשאַפן אין 1906 די „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע" מיט דעם צוועק צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון וועלט־אידנ־טום. דערדאָזיקער קאָמיטעט האָט אויך אויסגעאיבט אַ איינפלוס אין 1912, בעת עס איז איבערגעריסען געוואָרען די האַנדלס־באַ־ציאונגען צווישן אַמעריקע און רוסלאַנד.

אין אָנהויב פון 20־טן יאָרהונדערט איז שוין געווען אַ נעץ פון אַ גרויסער צאָל פון די פאַרשיידנאַרטיקסטע לאַנדסמאַנ־שאַפטן, סאָסייטעס, פאַראיינען און אינסטיטוציעס פון די מזרח־אידישע אימיגראַנטן. די דאָזיקע לאַנדסמאַנשאַפטלעכע סאָסיי־טיס זיינען די צענטרען, וואו עס קריסטאַליזירן זיך אויס די געזעלשאַפטלעכע אידייען פון די לאַנדסלייט. אַ סאָסייטי איז די ערשטע לאַבאָראַטאָריע פאַר געזעלשאַפטלעכע עקספּערי־מענטן. די מער פייאיקע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן מיט־

געהאָלפן צו שאַפן די פאַרשיידענע טרייד־יוניאָנס, די פּאָליטישע פּאַרטייען, די פּרעסע, אָרדנס און אַלע אַנדערע באַוועגונגען. אויך אין די פאַרשיידענע קאַמפּיינס פאַר הילף־צוועקן זיינען די לאַנדסמאַנשאַפטן אַ שטאַרקער כח. די לאַנדסמאַנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס שעפּן זייער גייסטיקע חיונה פון די אַלטע היימאַט־שטעטלעך. דאָס פאַרבינדט די צוויי וועלטן און עס ברייגנט צו פאַרשיידענע אַקטיוויטעטן. די אַנטוויקלונג פון אידישן אַרבעטער לעבן האָט באַלד אַרויסגעוויזן די זייער דרינגענדיקע נויטווענדיקייט צו האָבן אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זאָרגן פאַר די סאָציאַלע און קולטורעלע באַדערפעענישן. שוין אין אַפּריל 1892, זיינען ביי אייניקע אַרבעטער פון די „עם עולם״ גרופּן געקומען אויפן געדאַנק צו גרינדן אַן „אַרבעטער רינג פאַראיין״, וואָס זאָל צוזאַמענהאַלטן די אַרבעטער אַזוי ווי אַ רינג. דעם 4־טן סעפּטעמבער 1900, קומט ערשט דער „אַרבעטער רינג״ צו זיינע אייגנטלעכע אויפגאַבן. די געשיכטע פון דעם „אַרבעטער־רינג״ איז ברייט און טיף און איז איינע פון די וויכטיקסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון די אידישע אימיגראַנטן, און קודם־כל פון די פּאָליטיש פאַרפאָלגטע אימיגראַנטן פון אַמעריקע. איינע פון די מערקווירדיגסטע פּונקטן אין דער געשיכטע פון „אַרבעטער־רינג״ איז דער, וואָס באַווייזט, אַז טראָץ פאַרשיידענע פּאָליטישע אידייען און מיינונגס־פאַרשיידנקייטן צווישן דער גרויסער מיטגלידערשאַפט, קען מען זיך דאָך שטעלן אויף אַ באַזיס, אַז נויט ווייס ניט פון קיין פּאַרטייאונטערשיידן. עס איז אמת, אַז די גרינדער פון אַרבעטער־רינג זיינען אין דער אַלטער היים דורכגעגאַנגען די שולע פון „בונד״ און האַלטן זיך נאָך אויך היינט פאַר געטרייע בונדיסטן, דאָך איז עס אַ דערפרייענדיקער פאַקט, וואָס אַרום 250 אַרבעטער־רינג ברענטשעס האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער לעצטער געווערקשאַפטן־קאַמפּיין פאַר דער הסתדרות אין ארץ ישראל. דער „אַרבעטער רינג״ האָט 72,000 מיטגלידער (מעמבערס), וואָס זיינען אָרגאַניזירט אין 750 ברענטשעס אי־

בערן גאַנצן לאַנד און דער פאַרמעגן פון „אַרבעטער רינג" באַטרעפט קנאַפּע אַכט מיליאָן דאָלער.

ווען מיר געפינען זיך אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס, דאַרף אָפּגעגעבן ווערן דער געהעריקער כבוד דעם אָנדענק פון ברוך טשאַרני־וולאַדעק. אויך דאָ איז פאַראַן אַ קלאָרער באַווייז, אַז דער וואָס ווערט פאַרפאָלגט אין זיין אַלטער היים, ווייל ער שטרעבט צו פרייהייט און סאָציאַלער גערעכטיקייט, איז אין נייעם לאַנד אין די פאָדערשטע רייען, ווען עס קומט אויס צו קעמפן פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט. דערדאָזיקער פּאָליטיש־פאַרפאָלגטער פליכטלינג האָט מער דעם נייעם לאַנד געגעבן, ווי ער האָט גענומען. אַלס אַ קינד פון ירושלים דליטא, די שטאָלצע אידישע שטאָט ווילנע, וואַרפט זיך אַריין ברוך טשאַרני, אין דער אידיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג שוין אין זיינע פריסטע יאָרן. ער אַרבעט אונטער דעם פּוילישן פּאַרטייפּסעוודאָנים „וולאַדעק" און ער ווערט געקרוינט מיטן נאָמען „דער יונגער לאַסאַל". פאַרפאָלגט פון דער צאַרישער פּאָליציי, קומט וולאַדעק אין עלטער פון 22 יאָר קיין אַמעריקע, אין יאָר 1908, און ער פאַרנעמט די העכסטע אָנפירנדיקע פּאָזיציעס אין דער אידישער אַרבעטער גאַס, ווערט באַליבט אויך אין די אַלגעמיין־בירגערלעכע קרייזן. ער ווערט געשעצט אַלס אַרבעטער פאָרשטייער אין די שטאָטישע קערפּערשאַפטן און איבעראַל געווינט ער גרויס פאַרטרויען און אויטאָריטעט. וולאַדעק איז געוואָרן אַ סאָציאַל־קולטורעלע אינסטיטוציע, און עס איז דעריבער ניט בלויז אַ צופאַל, וואָס גראָד אין דער גאַס פון אידישער און אַלגעמיינער נויט, אויף דער איסט סייד, ווערט צו זיין אָנדענקונג געשטעלט אַ מאָנומענט, וואָס זאָל סימבאָליזירן די סאָציאַלע גערעכטיקייט, דאָס וואָס איז פּאַקטיש געווען וולאַדעקס נשמה און פאַר וואָס ער האָט זיין לעבן אוועקגעגעבן. מיר מיינען די „וולאַדעק־הייזער", וואָס די שטאָט־פאַרוואַלטונג און די פעדעראַלע רעגירונג שטעלן אויף צום אָנדענק פון וולאַדעקן. ער האָט עס זיכער זייער ערלעך און כשר פאַרדינט!

עס איז קלאָר, אַז פונקט ווי אייראָפּע, אַזוי איז אויך דאָ,

אין אַמעריקע, אַריינגעקומען דיפערענצירונגען אין די אַנשויאונ־גען אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס. די פּועלי ציון זעען די ענדגילטיקע לייזונג פון דער אידן־פראַגע אין אַן אייגענער נאַ־ציאָנאַל־פּאָליטישער טעריטאָריע, וואו די אידישע אַרבעטער־שאַפט זאָל קענען אַריינדרינגען אין דער אור־פּראָדוקציע. עס איז דעריבער אין 1912-13 אַנטשטאַנען די נויטווענדיקייט צו גרינדן אַ באַזונדערן אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון אָרדן מיטן נאָ־מען „אידישער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד". דער פאַר־באַנד פירט אַ ברייט־פאַרצווייגטע טעטיקייט מיטן פנים צום מזרח. אַלס אַ טייל פון דער גרויסער אַלוועלטלעכער אידישער מחנה, וואָס שטייט פאַר דער הסתדרות אין ארץ ישראל. צום קרעדיט פון דער עקזעקוטיווע פון אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד מוז געזאָגט ווערן, אַז זי האָט פאַרשטאַנען, אויף אַ פּראַקטישן וועג, צו אָרגאַניזירן די אידישע נאַציאָנאַלע פליכט־לינגע פון דייטשלאַנד, דורך גרינדן אַ ברענטש, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דעם גרויסן אידישן פליכטלינג־פילאָזאָף, מאַרטין בובער, און איז געוועזן אַ פּיאָנער אויפן געביט פון עפענען אי־דישע פאָלקס־שולן אין אַמעריקע. זייט 18 יאָר עקזיסטירט אויך אין אַמעריקע אַן אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן, מיט אַ גרויסער אידישער סעקציע. די ריכטונג פון אָט־דעם אָרדן איז אַ לינק־ראַדיקאַלע.

אַ זייער אינטערעסאַנטע אָפּהאַנדלונג וועגן דאָס אידיש־עקאָנאָמישע לעבן אין פאַרלויף פון די לעצטע 25 יאָר, האָט פאַר־עפנטלעכט ס. דינגאָל, לכבוד דעם 25 יאָריקן יובל פון „טאָג". אין אַ סעריע אַרטיקלען, וואָס שטיצן זיך אויף פערזענלעכער אויספאָרשונג פון די ערשטע אויטענטישע קוואַלן, ווייזט דינגאָל מיט רעכט אָן, אַז „שטאַרקער פון אַנדערע גרופּן, האָט דער אידישער אימיגראַנט אַרויסגעוויזן דעם ווילן און דעם כח צו־צופּאַסן זיך צו די נייע אַמעריקאַנער באַדינגונגען. צוויי פאַק־טאָרן האָבן דערביי געשפּילט אַ ראָלע: די אידישע היימלאָזי־קייט און די אידישע נויט.

וואָרים אַנדערע אימיגראַנטן, וואָס זיינען געקומען קיין

אַמעריקע, זיינען געקומען אַהער בלויז אויס עקאָנאָמישע מאָ־טיוון. געטריבן פון זייער היימישער אָרעמקייט, איז זייער פאַר־לאַנג געווען צו בלייבן דאָ און אַרבעטן אַזוי לאַנג, ביז זיי וועלן אָנקלייבן גענוג געלט אויף צו פאָרן צוריק אַהיים און באַזעצן זיך דאָרטן אין רחבות אויף אַן אייגענער פאַרם. זיי זיינען דע־ריבער געווען מער פאַראינטערעסירט אין דעם אַמעריקאַנער העכערן לוין־סטאַנדאַרד, ווי אין דעם אַמעריקאַנער העכערן לעבנס־סטאַנדאַרד. וואָס מער זיי האָבן פאַרדינט און וואָס ווייניקער זיי האָבן פאַרצערט, אַלץ מער האָבן זיי געשפּאָרט און אַלץ נעענטער האָבן זיי זיך געזען צו זייער ציל.

די אידישע אימיגראַנטן, וועלכע האָבן זיך ביז דער מלחמה געצויגן קיין אַמעריקע אין גאַנץ גרויסע שטראָמען, זיינען אַהער געטריבן געוואָרן ניט בלויז פון עקאָנאָמישער נויט, נאָר אויך פון רעליגיעזע און פּאָליטישע פאַרפאָלגונגען. זיי האָבן ניט געטרוימט וועגן צוריקפאָרן, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט וואוהין צו פאָרן. שוין באַלד ביים אַרונטערגיין פון שיף, האָבן זיי פאַר־בונדן זייער גורל מיטן גורל פון אַמעריקע און האָבן זי באַטראַכט אַלס זייער נייע היים, וואו זיי וועלן אַלעמאָל פאַרבלייבן. זייער שטרעבן איז באַלד פון אָנהויב געווען ניט בלויז בעסער צו פאַרדינען, נאָר אויך בעסער צו לעבן.

דאָס דערקלערט, פאַרוואָס אידן האָבן אין די אַלע יאָרן פון זייער מאַסן־אימיגראַציע קיין אַמעריקע געגעבן די גרעסטע צאָל איינוואַנדערער און די קלענסטע צאָל אויסוואַנדערער".

מר. דינגאָל באַטאָנט דעם פאַקט, וואָס גראַד די אידישע אַרבעטער, וועלכע זיינען אַהער געקומען פון רוסלאַנד, פּוילן און רומעניע, — „לענדער פון זייער אַ נידעריקן לעבנס־סטאַנדאַרד, פאַר וועלכע די „אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר" האָט זיך געשראָקן, אַז זיי וועלן רעדוצירן דעם לעבנס־סטאַנדאַרד פון דעם געבוירענעם אַמעריקאַנער אַרבעטער, — גראַד די אימיגראַנטן האָבן אויפגעבויט די שטאַרקסטע יוניאָנס אין זייערע פאַכן, און מיט דער הילף פון זייערע יוניאָנס האָבן זיי אַרויפגעהויבן דעם לוין און די אַרבעטס־באַדינגונגען אין זייערע אינדוסטריעס צו אַ

העכערן סטאַנדאַרד, ווי עס הערשט אין פיל אינדוסטריעס, וואו עס אַרבעטן בלויז אַמעריקאַנער געבוירענע אַרבעטער. ווען הענרי פאָרד האָט אין יאָר 1913 איבערראַשט אַמעריקע מיט זיין איינפירן אַ 5-דאָלערדיקן טאָג-לוין אין זיינע אויטאָמאָביל-פאַבריקן, האָבן אידישע שניידער אין ניו-יאָרק פאַרדינט זעקס, זיבן און אַכט דאָלער אַ טאָג, אפילו ווען זיי האָבן געאַרבעט פון וואָך.

די אידישע באַפעלקערונג אין אַמעריקע איז אין יאָר 1914 באַשטאַנען פון אַרום דריי מיט אַ פערטל מיליאָן נפשות און 95 פּראָצענט פון זיי זיינען געווען קאָנצענטרירט אין אַ צענדליק גרעסערע שטעט אין אַמעריקע. אין 1927 האָט דר. ה. ס. לינפילד, וועלכער איז צו יענער צייט געווען דער דירעקטאָר פון דעם סטאַטיסטישן דעפּאַרטאַמענט פון דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע, געמאַכט אַ וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונג וועגן דער צאָל אידן אין אַמעריקע, און איז געקומען צום אויספיר, אַז אין אַמעריקע האָבן זיך צו יענער צייט געפונען 4,228,029 אידן, וועלכע זיינען געווען צוזייט און צושפּרייט איבער 9712 ישוב פונקטן פון לאַנד".

עס איז אויך אָן קיין שום ספק, אַז ווען עס וועט געשריבן ווערן די געשיכטע פון די אידן אין אַמעריקע אין די לעצטע 25 יאָר, וועלן אַ פּאָר זייער שיינע בלעטלעך זיך באַשעפטיקן מיט דעם גרויסן איינפלוס פון אַמעריקאַנער אידנטום, דער אַמעריקאַנער „דזשוינט", אין די רעגירונג-קאַבינעטן פון די פאַרשיידענע אייראָפּייאישע לענדער. מען קען דיסקוטירן וועגן דעם אופן פון דער הילפס-פאַרטיילונג, און וואָסער מין איז וויכטיקער — באַלדיקע אָדער קאָנסטרוקטיווע הילף — איינס איז אָבער קלאָר, אַז דאָס אַמעריקאַנער אידנטום, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון היימלאָזע, פליכטלינגע און וואַנדערער, ווייסט וואָס עס הייסט הונגער און נויט און האָט זיך אויפגעהויבן אויף דער הויך פון דער אידישער פאָלקס-אויפגאַבע — צו געבן ברודערלעכע הילף אַלע נויטליידנדיקע און הילפס-באַדערפטיקע, ווי ברידער צו ברידער און שוועסטער צו שוועסטער. עס וועט ניט זיין קיין גוזמא, אויב מיר וועלן זאָגן, דאָס ביז 1940 האָט דאָס אַמעריקאַנער אידנטום, צוזאַמען מיט אַלע גרופּירונגען און אָרגאַניזאַציעס, געזאַמלט 150 מיליאָן דאָלער פאַרן אייראָפּייאישן אידנטום.

אַמעריקע און די איצטיקע פּליכטלינגע־טראַגעדיע

די קעגנוועוורטיקע פּליכטלינגע־טראַגעדיע בכלל און איר צו־זאַמענהאַנג מיט אַמעריקע בפרט, איז ניט קיין ריין־אידישער פּראָבלעם, נאָר אַן אַלגעמיין־מענטשלעכער. נאָך פאַרן אויס־ברוך פון דער איצטיקער מלחמה, איז אין דער גרויסער וועלט געווען פון 14 ביז 15 מיליאָן פּליכטלינגע, ווי למשל, כינעזער, איטאַליענער, שפּאַניער, דייטשן, עסטרייכער, טשעכן און אידן. די פּליכטלינגע זיינען צושפּרייט פון שאַנכיי ביז אַרגענטינע, באַ־זונדערס אין ענגלאַנד, קובע, קאַנאַדע און די פאַראייניקטע שטאַטן. אין אַ ריי לענדער האָט מען צו די פּליכטלינגע גאָר ניט „צוגעלייגט קיין געלט". קאַנאַדע איז פאַקטיש רייך גע־וואָרן פון די טשעכישע פּליכטלינגע, וועלכע האָבן דאָרט געשאַפן זייער וויכטיקע נייע אינדוסטריעס, איבערפלאַנצענדיק אַהין די פאַבריקן פון באַטאַ, סקאָדאַ־ווערק און גלאָז־פאַבריקן פון פּילזען. דאָסזעלביקע איז אויך אין ענגלאַנד. טויזנטער ענגלישע אַר־בעטער האָבן באַקומען זיכערע באַשעפטיקונגען אין פאַבריקן, וואָס זיינען געעפנט געוואָרן דורך פּליכטלינגע.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן באַשעפטיקן זיך פיר גרויסע צענטראַלע קערפּערשאַפטן מיטן פּליכטלינג־פּראָבלעם, דריי אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס און איינע אַ ריין־אידישע פעדעראַציע פון אַלע פּליכטלינגע־אָרגאַניזאַציעס, פאַראיינען און קאָנגרעגיישאָנס. צוויי זיינען הילפס־געבער און צוויי זיי־נען הילפס־נעמער. די ערשטע צענטראַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס באַשעפטיקט זיך מיטן פּליכטלינג־פּראָבלעם אין אַמעריקע, איז די „גוד נייבאר קאָמיטע ענד דהי אימיגרענט קאָמיוניטי", אין וועלכע עס קאָנצענטרירן זיך די גייסטרייכסטע פּערזענלעכקייטן פון ליבעראַלן אַמעריקע, וועלכע שטייען אויפן שטאַנדפּונקט, אַז דאָס פּליכטלינגע פּראָבלעם איז אַן אינערלעך אַמעריקאַנער ענין און אַמעריקע, דאָס קינד פון פּליכטלינגע, איז פאַרפליכ־

טעט צו זיין דער הויפּט רעטונגס־אָנקער פאַר אַלע פליכטלינגע שטראָמען. בראש פון דערדאָזיקער הומאַניטאַרער אָרגאַניזאַציע שטייט קודם־כל די ערשטע ליידי, מרס. רוזוועלט, ווי אויך אַ רייע ליבעראַלע פירער, ווי פּאַסטאָר סיערלע פון דער פּראָטעסטאַנטישער קירך, פאַטער דזשאָזעף אַסטערמאַן פון דער קאַטוילישער קירך, קלאַרנס פּיקעט און ראָבערט גרינליף פון די קוויקערס, די אוניווערסיטעט־פּרעזידענטן וויליאַם ניעלסאָן און דזשיימס מעקדאָנאַלד, דער גענעראַל־דירעקטאָר פון „נעשאַנאַל רעפיודזשים סוירוויס" פּראָפעסאָר וויליאַם האַבער פון דער אידישער הילפס־אָרגאַניזאַציע, אַ פאַרטרעטער פון די פליכטלינגע אָרגאַניזאַציעס פּראָפעסאָר דר. פּאַול טיליק און די דריי רעפּרעזענטאַנטן פון דער „עטיקל קאַלטשור סאָסייטי", ראָבערט קאַהן, דזשאָן עליאַט און באַרט ענדריוס. די טעטיקייט פון דערדאָזיקער זייער גייסטרייכער געזעלשאַפט באַשטייט אין דעם, וואָס עס ווערט פון צייט צו צייט צוזאַמענגערופן פאַראַנשטאַלטונגען, קאָנפערענצן, פרייע שמועסן און באַנקעטן, אויף וועלכע ס'ווערט באַהאַנדלט דאָס פּראָבלעם פון די פליכטלינגע. זי שטייט, אַזוי צו זאָגן, אויף דער וואַך, אַז אַמעריקעס גוטער נאָמען זאָל ניט ליידן דורך וועלן באַוואוּלהן די פליכטלינגע, וואָס זיינען, אַלס קרבנות פון די גרויסע טראַגעדיעס אין די אייראָפּייאישע לענדער, געקומען אַהער זוכן אַ מקום־מקלט, וואוהין דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. זי וויל אויך אויפקלערן די אַמעריקאַנער עפנטלעכקייט בנוגע די נויטן און זאָרגן פון די פליכטלינגע פון איין זייט און דעם ווילן פון די פליכטלינגע, פון דער אַנדערער זייט, וואָס מער זיך אַריינצוגלידערן אין פּראָצעס פון דער אַמעריקאַנער ווירטשאַפט, כדי זיך צו מאַכן אַלס נוצלעכע בירגער פון דעם נייעם היימלאַנד.

די צווייטע קערפּערשאַפט איז די אינטערנאַציאָנאַלע פליכטלינג־הילפס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע שטייט שוין אין אַ זייער ענגע פאַרבינדונג מיט די גרויסע מאַסן פליכטלינגע. אין דערדאָזיקער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע באַטייליקן זיך פאַרטרעטער פון אַלע מעגלעכע אָרגאַניזאַציעס, וואָס באַשעפטיקן

זיך אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים מיט געבן סאָציאַלע און קאָנ־סטרוקטיווע הילף די פֿליכטלינגע אין אַמעריקע. מצד די אי־דישע אָרגאַניזאַציעס פֿאַרנעמען דאָרט אַ זייער חשובֿן פּלאַץ מר. עדוואַרד מ. וואַרבורג, פֿון „אַמעריקען דזשוינט דיסטריביו־שאָן קאָמיטע" און מיס סעסילאַ ראַזאָפסקי, די ליטערין פֿון דעם מיגראַציע־דעפּאַרטמענט פֿון „נעשאָנאַל רעפֿיודזשים סורוויס". די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע פֿאַרבינדט די פֿליכטלינגע מיט די אָפֿי־ציעלע רעגירונגס־אַמטן אין וואַשינגטאָן און מיט דער גרויסער אַמעריקאַנער עפֿנטלעכקייט, באַאַרבעט אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב אַלע מעגלעכע הילפֿס־פּלענער און פֿראַגן, וואָס רירן אָן די פֿליכטלינגע מאַסן אין אַמעריקע. אויך אין דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע נעמט אָן אָנטייל אַ פֿאַרטרעטער פֿון די גרויסע פֿליכטלינגע־אָרגאַניזאַציעס גופֿא, מיס אננא מאַריאַ פּייבום, די פֿאָרזיצערין פֿון קאָונסיל פֿאַר די אינטערנאַציאָנאַלע סטודענטן פֿליכטלינגע.

די דריטע און פֿערטע צענטראַלע קערפּערשאַפֿטן זיינען שוין ריין־אינערלעכע פֿליכטלינגע־אָרגאַניזאַציעס. איינע אַן אינטערנאַציאָנאַלע, וואָס רופֿט זיך אָן „אימיגרענטס קאָנפֿע־רענס", וועלכע פֿאַרטרעט די אינטערעסן פֿון אַלערליי נאַציאָנאַלע ווירטשאַפֿטלעכע און גייסטיק־קולטורעלע גרופּירונגען צווישן די מאַסן פֿליכטלינגע אין אַמעריקע, אין וועמענס שפּיץ ס'שטייט די באַרימטע קעמפֿערין פֿאַר די רעכט פֿון די אידן אין עסטרייך, מיס אירענא האַראַנד, וועלכע פֿירט אויך דאָ אָן אַ פּראָפּאַגאַנדע קעגן דעם היטלעריזם. דער סימבאָל פֿון דער פֿליכטלינגע־וואַנ־דערונג קיין אַמעריקע אין 1933-40, ווערט געזען אין די צוויי ערן־פֿליכטלינגע — אַלבערט איינשטיין און טאָמאַס מאַן, און די פֿערטע איז אַ ריין אידישע פֿליכטלינגע־אָרגאַניזאַציע.

איצט קומען מיר צו צום אייגנטלעכן ריין־אידישן פֿליכטלינג פּראָבלעם, וואָס מוז געפֿינען אַ אינטערעס אין אַלע קרייזן און שיכטן פֿון אַמעריקאַנער אידנטום. די צענטראַלע אידישע פֿליכטלינג־אָרגאַניזאַציע, וואָס טראָגט דעם נאָמען, „פֿעדעראַ־ציע פֿון אידן פֿון צענטראַל־אייראָפּע", פֿאַרטרעט די אינטע־

רעסן פון אַלע אידישע פליכטלינגע־גרופּן לגבי די ערשטע דריי פריער דערמאָנטע צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס. עס איז קלאָר, אַז אַזויווי אין יעדע אַנדערע איינוואַנדערונגס־עפּאָכע, האָבן אויך די אידיש־דייטשע פליכטלינגע, וואָס זיינען געקומען אין פאַרלויף פון די לעצטע זעקס יאָר, די נויטווענדיקייט צו זיין אָרגאַניזירט אין אַ רייע אייגענע לאַנדסמאַנשאַפטן, קולטורעלע אינסטיטוציעס, ווי אויך אין סינאַגאָגן און קאָנגרעגיישאָנס. אַזוי געהערן צו דער „פעדעראַציע פון די איינגעוואַנדערטע אידן פון צענטראַל אייראָפּע" פאָלגנדיקע פאַרבאַנדן און אינסטיטוציעס:

דער צענטראַל־פאַרבאַנד פון די דייטשע אידן, דער דייטש־אידישער קלאַב (וואָס גיט אַרויס אַן אייגענע אידיש־דייטשע וואָכנצייטונג „אויפבוי"), די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אויפן נאָמען פון יעקב עהרליך, וועלכע פאַראייניקט אין זיך אַלע ציוניסטישע גרופּירונגען פון די עסטרייכישע פליכטלינגע, אַ ברענטש פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד אויפן נאָמען פון מאַרטין בובער, „טעאָדאָר הערצל סאָסייטי", ספּאָרט־קלובן „מכבי" און פון ווינער „הכח" מיטגלידער, סינאַגאָגע־געמיינדע „הבונים", „פּראָספּעקט יוניט קלוב" און צוויי פאַרבאַנדן פון די פריערדיקע אידיש־אייראָפּייאישע מלחמה־וועטעראַנען. די אידיש־דייטשע אימיגראַציע האָט אויך אייניקע טעאַטער־גרופּן און די „פעדעראַציע פון די איינגעוואַנדערטע אידן פון צענטראַל־אייראָפּע" נעמט אויך אַן אַקטיוון אָנטייל אין די זאַמלונגען לטובת „יונייטעד דזשואיש אַפּיעלס".

עס וואָלט ניט געשאַדט, אַז אין היגן אינערלעכן אידישן לעבן זאָל מען ניט פאַרגעסן אין דעם סאַמע וויכטיקסטן כלל, אַז מיר אידן זיינען אַ ל ע קינדער פון אַ שיקזאַל־געמיינשאַפט. ביי אונז אידן זיינען „כל ישראל ערבים זה לזה", איינער איז דעם צווייטנס ערוב. וואו אַ איד געפינט זיך נאָר, קען ער ניט אַנטלויפן פון אַלגעמיין־אידישן שיקזאַל, אָן אונטערשייד, אין וועלכן לאַנד מען געפינט זיך. די טראַגישעווירקלעכקייט האָט באַוויזן, אַז אומעטום, וואו עס אַנטשטייט אַ געפאַר פאַר די

אלגעמיינע פרינציפן פון רעכט און גערעכטיקייט, טרעפט עס תיכף דעם אידן, ווייל אונזערע שונאים ווייסן, אז מיר אידן זיינען דער געוויסן פון דער וועלט, דער באראמעטער פון דער עפנטלעכער מאראל, און אזוי לאנג ווי ישראל עקזיסטירט, קען עמלק ניט עקזיסטירן . . . און אין דעם פאל מיינט מען ניט גראד דעם אדער יענעם איד, פון דעם אדער יענעם לאנד. אונזערע שונאים מיינען צו טרעפן אונז אלעמען, דאס גאנצע אידישע פאלק. צי מען וויל יע, אדער מען וויל ניט, — איז עס, לײדער, א טרויעריקער אמת, אז דאס גאנצע אידישע פאלק איז ארויסגעפאדערט געווארן פון שונא און איז פארוואנדלט געווארן אין אן ערנסטן צד אין דעם איצטיקן וועלט־געראנגל צווישן דעמאקראטיע און פאשיזם, רעכט און אומרעכט, לעבן און טויט. דער איד, וואס געפינט זיך דארט אין דעם עמק־הבכא, אין דעם יאמער־טאל, ליידט נאר דערפאר, וואס ער איז א איד, און ניט פאר זיינע פערזענלעכע עבירות. און דעריבער, מוז זיך יעדער איד, דא אין גליקלעכן אמעריקע, קלאר מאכן די איצטיקע טראגישע סיטואציע, אין וועלכער עס געפינט זיך דאס גאנצע אידישע פאלק. די אידן דארט אין יאמער־טאל שטייען אלע אויף א פראנט קעגן א פיל־שטארקערן שונא, געפינען זיך אין די טרענטשעס, שוין העכער זיבן יאר און זייער וואפן באשטייט נאר אין אן עקשנותדיקן ווילן, אויסדויער און בטחון אין דעם שומר ישראל. און די אידן, וועלכע האבן צו פארדאנקען די השגחה, דערפאר וואס זיי זיינען אין דעם גליקלעכן מצב זיך צו געפינען אין די דעמאקראטישע לענדער, זיינען די, וועלכע געפינען זיך הינטערן פראנט, דארף מען דען, באמת, פיל ריידן מיט די, וועלכע געפינען זיך הינטערן פראנט און קענען זיך שיצן קעגן די אטאקעס פון שונא אז זיי זיינען מחויב צו ברייגגען ברויט, וואסער, מעדיצינישע הילף און אנדערע נויטיקע ארטיקלען פאר די, וועלכע קעמפן אויפן פראנט א קאמף, וואס איז דאך אויך פאר די, וואס געפינען זיך הינטערן פראנט? און ווען עס געלינגט איינעם זיך פון דארט ארויסצורייסן, נאכדעם ווי ער האט, זיכער, געגעבן זיין טייל, אויף

וועלכן וועג עס זאָל ניט זיין לטובת דעם קאַמף קעגן דעם גע־מיינזאַמען שונא, — קען נאָך זיין אַ רייד וועגן וועלן העלפן?

די פליכטלינגע, וועלכע זיינען שוין פון די גליקלעכע, וואָס האָבן געקענט זיך פון דאָרט אַרויסרייסן, קאָנען איינגעטיילט ווערן אין צוויי גרופן. צו דער ערשטער גרופע געהערן די, וועלכע האָבן אין זייער אַלטער היים זיך געצוילט צווישן די דייטשן, עסטרייכער, אָדער טשעכן פון אידישן גלויבן. זיי זיי־נען פון דור־דורות דערצויגן געוואָרן אין אַ גייסט פון אַסימילאַ־ציע און האָבן געוואוסט נאָר פון סינאַגאָגער אידישקייט. ווי די אַסימילירטע יאַהודים דאָ אין אַמעריקע אָדער אין ענגלאַנד און פראַנקרייך, דערצויגן אין שוים פון דער דייטשער קולטור און פון אירע קלאַסיקער; דאָס אידנטום איז ביי זיי געווען עפּעס אַן אומקלאָרער באַגריף פון עפּעס אַ מיסיע אויסצופילן, און ווייל זיי האָבן ניט געוואוסט, וואָס עס הייסט צו זיין אַ איד, און האָבן אין זייערע קינדער־יאָרן ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט דורכצודרינגען זיך מיט די אמתע און טיפע קוואַלן פון אידיש־קייט, האָט זיי דער היטלער־בראָך געטראָפן, ווי אַ דונער אין אַ העלן טאָג. זיי האָבן ניט געהאַט קיין אָנהאַלט און זיינען גייס־טיק צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן. זיי האָבן ניט געהאַט דעם גליקלעכן רעטונגס־אַנקער, דעם אידישן בטחון און גלויבן, אָן וועלכן מען קען זיך אָנהאַלטן אין אַן עת צרה. דידאָזיקע גרופּע האָט עס, ליידער, געליפערט די גרויסע צאָל זעלבסטמערדער, וועלכע האָבן זיך אַנטוישט אין זייער דייטשטום און האָבן ניט געוואוסט פון קיין אידנטום, פון קיין אויפריכטיקן גלויבן אין דער צוקונפט פון אידישן פאָלק. (עס איז באַקאַנט אַ פאַל, אַז אויף אַ שיף, וואָס האָט געפירט אימיגראַנטן פון אייראָפּע קיין אַמעריקע אין דער צייט, ווען דער ים איז געווען זייער שטור־מיש, האָבן אידיש־פּוילישע אימיגראַנטן געזאָגט אַ קאַפּיטל תהלים און דייטשע אידן האָבן דערויף געקוקט, ווי אויף עפּעס אַ משונהדיקן ענין . . .)

עס איז קלאָר, אַז ווען דידאָזיקע פליכטלינגע, קומענדיק אין דער נייער וועלט, אין נייעם איינוואַנדערונגס־לאַנד, האָבן

זיי זיך אויסגעבויט אַ רייע אינסטיטוציעס אין גייסט און כאַ־ראַקטער פון זייער לעבן אין די אַלטע היימלענדער. זיי זיינען אַרויס פון דייטש אָדער נאָך געבליבן ביים דייטשן, און אויך אַריין אין ענגלישן. זיי שטרעבן צו זיין גוטע אַמעריקאַנער פון „בני דת משה". געווים, זיינען מיר נאַציאָנאַלע אידן דערצו ניט מסכים, געווים, האָבן די ציוניסטישע קרייזן אין דייטשלאַנד, אַ גאַנצע ריי יאָרן געפירט אַ קאַמף קעגן דער אַסימילאַציע און אויך דאָ דאַרף די אַסימילאַציע באַקעמפט ווערן, אָבער דורך אַן ערנסטער און סיסטעמאַטישער אויפקלערונגס־אַרבעט, ווי מען מוז בכלל פירן אַ נאַציאָנאַלע אויפקלערונגס־אַרבעט, אויך קעגן די אייגענע אַסימילאַטאָרן, וועלכע ווילן ניט וויסן פון אידן און אידישקייט, און זיינען, ווי די שטרויס־פויגל, פאַרשטעקט מיט זייערע שנאָבלען אין זאַמד . . .

עס איז אָבער פאַראַן נאָך אַ צווייטער טייל פון דער גרויסער פליכטלינגע־איינוואַנדערונג אין פאַרלויף פון די לעצטע 6-7 יאָר וועלכע באַשטייט פון איבערגעגעבענע נאַציאָנאַלע אידן, איבערגעגעבענע ציוניסטן, די וואָס האָבן אין דייטשלאַנד זיך גרופּירט אַרום דער פאָלקס־פּאַרטיי און האָבן געקעמפט אין די געמיינדעס קעגן דער אַסימילאַציע. דידאָזיקע פליכטלינגע, קו־מענדיק אַהער, טרעטן זיי אַריין אין די היגע נאַציאָנאַל־ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציעס, אָדער זיי האָבן אייגענע ציוניסטישע פאַרבאַנדן און אינסטיטוציעס, ווי, למשל, די שוין דערמאָנטע אָרגאַניזאַציע פון די עסטרייכישע ציוניסטן, דער ברענטש פון אידיש־נאַציאָנאַלן ארבעטער פאַרבאַנד „מאַרטין בובער", טעאָ־דאָר הערצל סאָסייטי, סעמינאַר פאַר ציוניסטישע פראַגן און פּראָבלעמען, אַן אינסטיטוציע פאַר קולטור ענינים אויפן נאָ־מען פון אידישן געלערנטן פראַנץ ראָזענצווייג, ציוניסטישער פרויען־פאַראיין מיטן נאָמען „דבורה", ציוניסטישע יוגנט־גרופּן מיטן נאָמען „דרור" (פרייהייט) און אויך אַ רייע סינאַגאָגן און געמיינדעס. זיי זיינען נאַציאָנאַלע אָדער פּאָזיטיוו רעליגיעזע אידן פון די פראַנקפורטער און ווינער אגודה־קרייזן, זיי ווערן ניט פאַרצווייפלט און פאַרלירן ניט זייער מוט. זיי ווייסן, וואָס עס

הייסט אידישער שיקזאל, וואס עס הייסט אידישע אחדות און וואס ס'מיינט כלל ישראל. זיי זיינען גוטע אידן, כאטש א גרויסער טייל פון זיי ריידן די דייטשע שפראך און קענען,ליידער, ניט קיין אידיש. זיי ווילן אבער געהערן צום אידישן פאלק און זיי זיינען בעסערע אידן פון די, וואס קומען פון כתרילאווקע אדער פון שניפישאק, ווילן ניט לייענען קיין אידישע צייטונג און האלטן זיך פאר גאנצע „אמעריקאנער", ניט וויסנדיק דעם אלף־בית פון אמעריקאניזם.

ביידע טיילן פון פליכטלינגס־שטראם זיינען אהערגעקומען ארעם, נאקעט, אן א סענט אין טאש. געווים, זיינען פאראן אויסנאמען, פונקט ווי עס איז בכלל היינט אן אויסנאם־זאך, ווען מען איז א רייכער איד, קיין איד זאל ניט געפרואווט ווערן מיט אזא טעם, אפצוארבעטן א גאנץ לעבן, זיך שאפן א ווירטשאפט־לעכע עקזיסטענץ און צום סוף מוזן דערפון אוועקגיין ממש נקי, ריין, ווי מ'שטייט און גייט; קומענדיק אהער אין א פרעמדער סביבה, פארביטערט; מען מוז ווידער אנהויבן אלץ פון דאס ניי און מען איז שוין ניט קיין יונגער מענטש, די בעסטע יארן האט מען אוועקגעגעבן די אלטע היים. דא געפינט מען ניט קיין ארבעטס־געבער באלד אין האפן, און דערצו איז נאך ניטא היינט קיין פרייע איינוואנדערונג, ווי עס האבן געהאט בשעתם די רוסישע אימיגראנטן פון די 80־ער און 90־ער יארן, וועלכע האבן באלד ביים אנקומען געקענט „מאכן א לעבן". און די איצטיקע פליכטלינגע? אדרבה, די אלע, וואס האבן טענות צו דער אסימילאציע פון די פליכטלינגע, און האלטן בכלל אין איין מוסר־זאגן די פליכטלינגע, זאלן זיי זיך נעענטער מיט זיי פאראינטערעסירן און זאלן זיי אביסל זארגן וועגן דעם ווירטשאפטלעכן מצב פון די קרבנות פון די איצטיקער וועלט־טראגעדיע! איר ווייסט דאך פונעם כלל: „אל תדין את חבירך עד שתגיע למקומו" — דו זאלסט ניט משפטן דעם צווייטן, ביידן דו געפינסט זיך אין זעלביקן צושטאנד, וואס יענער . . . זאל מען בעסער ניט וויסן פון אזא טעם.

אט האבן מיר פאר זיך א רעדע פון א בארימטן קאטוילישן

קירכן-פירשט, דער בישאָף בערנאַרד דזש. שיעל פון שיקאַגאָ, וואָס ער האָט געהאַלטן בעת אַ קאַמפּיין-מיטינג פאַר 23 מיליאָן דאָלער, געפירט דורך דער „יונייטעד דזשואיש אַפּיעל". ריידנ־דיק וועגן די קרבנות פון דער ראַסיסטישער אומטאָלעראַנץ, האָט דערדאָזיקער ווירדיקער קירכן-פירשט דערקלערט:

„זיי, די קרבנות זיינען שעפערישע און קאָנסטרוקטיווע אַרבעטער, וועמענס מי האָט אַסך בייגעשטייערט צו דעם וואויל־זיין און קולטור פון זייערע פעלקער. טייל פון זיי זיינען לייכטנ־דיקע שטערן אין יוריספּרודענץ, אין מעדיצין, אין קונסט, אין ליטעראַטור, אין וויסנשאַפט. זיי זיינען אָנגעזעענע געלערנטע, וואָס זייער רום און זייערע דערגרייכונגען זיינען באַוואוסט און אָנערקענט אין דער גאַנצער וועלט. זיי אַלע, אין די טויזנטער, באַרויבטע פון זייערע פאַרמעגנס, זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער לאַנד, וואָס איז דורות-לאַנג געווען זייער היים. אַט־די פאַרטריבענע זיינען אַרויפגעזעצט געוואָרן אויף הפקר-שיפן אויף די ימען, ניט וויסנדיק וואוהין און וואו זיי קענען געפינען אַ מקום-מקלט, פרידן און זיכערקייט פאַר זייערע אויסגעמאַטערטע גופים, פאַר זייערע צודריקטע, בלוטנדיקע הערצער און פאַר זייער געפּייניקטן גייסט. קיין וואונדער ניט, וואָס טויזנטער פון זיי זיינען אויסגעשטאָרבן פון קעלט, הונגער און קראַנקייטן. קיין וואונדער ניט, וואָס טויזנטער פון זיי זיינען צודריקט גע־וואָרן אונטער דער משא פון טראַגישער פאַרצווייפלונג, ווייל זיי האָבן ניט געקענט געפינען קיין שטערן פון האָפנונג אויף זייער פאַרפינסטערטן הימל.

„אין דער גאַנצער טרויעריקער און ביטערער געשיכטע פון דעם מענטשנס ברוטאַליטעט לגבי מענטשן איז כמעט ניט צו געפינען אַ קאַפּיטל, וואָס זאָל דערציילן פון אַזאַ קאַלטער, אויס־גערעכנטער און סיסטעמאַטישער אכזריות, ווי די וואָס ווערט פאַר אונזערע אויגן באַגאַנגען קעגן אידן, די אומשולדיקע קרבנות, וואָס האָבן זיכער אַזאַ באַהאַנדלונג ניט פּראָוואָצירט. דאָס האַרץ, וואָס ווערט ניט טיף אויפגערודערט פון די סענטי־מענטן פון שמערץ, פון סימפּאַטיע און מיטלייד ביים אָנבליק

פון דערדאָזיקער קרייציקונג פון אַ גרויס און קולטורעל פאָלק — אַזאַ הארץ איז טויט לגבי אַלע נאָבעלע אימפּולסן פון ציוויליזירטע מענטשן. ווען די הייליקע, געירשנטע, פון גאָט געגעבענע רעכט פון דער מענטשלעכער נאַטור ווערן געטראָטן מיט די פיס דורך אַ גרויזאַמער, אומבערחמנותדיקער, טיראַנישער מאַכט; ווען יעדע הייליקע און אידעלע קאָנצעפּציע פון רעליגיע, פון ציוויליזאַציע און מענטשלעכקייט ווערט באַשפּיגן, פאַרדאַמט און פאַראַכט פון גאָטלאָזע טיראַנען, וועלכע זיינען שיכור פון אומבאַגרענעצטער מאַכט — איז די גאַנצע סטרוקטור פון ציוויליזירטן לעבן אין סכנה.

„דאָס פּראָבלעם, וואָס שטייט איצט פאַר אונז, איז דערפאַר ניט בלויז אַ פּראָבלעם פאַר אידן אַליין. דאָס איז אַ פּראָבלעם, וואָס רירט ניט ווייניקער אָן קאַטאָליקן, פּראָטעסטאַנטן און סתם גוט-מיינענדיקע מענטשן אומעטום. מיר קענען ניט צוקוקן גלייכגילטיק די יסורים, דעם אומגליק, די אומבערחמנותדיקע נגישות, וואָס ווערן געטאָן קעגן אונזערע מיטמענטשן. אַזאַ גלייכגילטיקייט וואָלט געווען אַ פאַרראַט קעגן די הויכע פּרינציפּן פון רעליגיע, פון מענטשלעכקייט, פון שכל. דער גרויסער לינקאָלן האָט געזאָגט: „די, וועמען עס קימערט ניט פאַר דער פרייהייט און גליק פון אַנדערע, פאַרדינען ניט קיין פרייהייט און גליק פאַר זיך אַליין; און אונטער דער השגחה פון גאָט קאָנען זיי דאָס ניט לאַנג געניסן. אונזער באַלדיקע זאָרג איז צו באַזאָרגן מיט לעבנס-מיטלען די טויזנטער, אפשר מיליאָנען, וואָס זיינען באַרויבט געוואָרן אויף אַזאַ גרויזאַמען און אומגערעכטן שטייגער פון אַלע מיטלען צו עקזיסטירן. וואָס קען זיין שרעקלעכער, ווי דער גסיסה-געשריי פון פרויען און קליינע קינדער, וועלכע זיינען הונגעריק, פאַרפרוירן, נאַקעט און אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ? די פאַרצווייפלטע אויגן, די אויסגעדאַרטע פּנימער און די איינגעשרומפּענע קערפּערס פון פרויען און קינדער זאָגן אונז מער ווי ווערטער, ווי מענטשלעכע ליפּן קענען אונז זאָגן".

עס וועט זיין זייער אינטערעסאַנט זיך צו באַקענען מיט אַ רעדע פון אַ צווייטן ליבעראַלן אַמעריקאַנער, גענעראַל יוה. דזשאָנסאָן, וועלכער איז אַרויסגעטראָטן, צוזאַמען מיט'ן ערן־פּרעזידענט פון „יונייטעד דזשואיש אַפּיל", גאָווערנאָר הער־בערט לעהמאַן. צווישן אַנדערע ווייזט גענעראַל דזשאָנסאָן אָן דערויף, אַז „זינט די ווילדע געלע האָרדעס פון טשינגיז־כאַן האָבן ווי אַ שטורעם זיך געטראָגן פון כינעזישן ים צום דאָנוי־טייך, לאָזנדיק הינטער זיך גרויסע פּיראַמידן פון מענטשלעכע שאַרבנס און מיילן פון רויכערנדיקע רואינעס, — האָט נאָך די וועלט נישט געזען אַזאַ אוממענטשלעכן ביישפּיל פון דעם מענטשנס אוממענטשלעכקייט צו מענטשן, ווי דער מבול פון אויסשלאַכטונג און פּייניקונגען, וואָס פאַרפינסטערט אייראָפּע און שטעלט אין סכנה די ציוויליזאַציע אין אונזער צייט.

קיינמאָל אין דער גאַנצער לאַנגער און בלוטיקער מאַרטי־רער־געשיכטע פון אידישן פאָלק, איז נישט געווען קיין גלייכן צו דער פאַרטיליקונג דורך אויסשלאַכטונג, גירושים, הונגער, נויט און מגפות, וואָס די נאַצים האָבן אָנגעשיקט אויף אידן אין יעדן לאַנד, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט — אָנהויבנ־דיק אין דייטשלאַנד גופא און דערנאָך אין עסטרייך, אין טשעכאָ־סלאָוואַקיע, אין פּוילען און אין אַנדערע לענדער.

דיליידן פון יענע אומגליקלעכע זיינען אַזוי שוידערלעך און אַזוי פיל, אַז עס איז פּשוט אוממעגלעך זיי אויסצורעכענען. קינדער פרירן און שטאַרבן ביי די אויסגעטריקנטע בריסט פון זייערע מוטערס. פאַמיליעס, פאַנאַנדערגעריסענע און פאַרטרי־בענע, אָן האָפנונג ווען־עס־איז זיך צוריק צו פאַראייניקן, אָדער אַז איינער זאָל וויסן דעם אַנדערנס גורל. מחנות הילפלאָזע מענטשן, געטריבן פון אָנגעשטעלטע באַאַמטן אין פי־וואַגאָנען אַריין, אין מיטן ווינטער, אין פראָסט, אָן שפּייז, אָן וואַרעמע קליידער, — אָן אַ ציל פאַר זיך, אויסער די אָפענע פעלדער און אָנגעפּאַקטע שטעט, וואו עס וואַלגערן זיך פונקט אַזעלכע אומ־גליקלעכע, הונגעריקע מענטשן, ווי זיי אַליין. דאָס זיינען נישט

קיין אויסנאַמען. דאָס זיינען גאַנצע באַפעלקערונגען — הונ־דערטער טויזנטער, אויב ניט מיליאָנען מענטשן.

די דאָזיקע מענטשן זיינען אונז ניט קיין פרעמדע. זיי זיינען פון דעם פאָלק, וואָס האָט אונז געגעבן אונזער רעליגיע, ניט בלויז דעם אַלטן טעסטאַמענט, נאָר אויך דעם נייעם טעסטאַ־מענט. זיי האָבן אונז אַזוי אַרום געגעבן אַלע פונדאַמענטן פון אונזער אמונה; און ווען איך זאָג „אונזער אמונה", זאָג איך „אונזער ציוויליזאַציע" — די עשרת הדברות און די באַרג־דרשה — די יסודות פון דעמאָקראַטיע, אָנשטענדיקייט, יושר און וואוילטאָט פאַר דעם גאַנצן מענטשלעכן מין. די מענער און פרויען פון אָט־דעם פאָלק, פון דעם אידישן, האָבן אויך געגעבן דער וועלט אַ טייל פון דער גרויסאַרטיקער פילאָזאָפיע און קונסט, פרעכטיקע מוזיק און פאָעזיע, אַ באַזיס פון געזעץ. דאָס אידישע פאָלק האָט געגעבן מער ווי זיין חלק די וויסנשאַפטן, אינדוסטריעס, מעדיצין, כירורגיע. ניין, זיי זיינען אונז ניט קיין פרעמדע. זיי זיינען אונזערע אייגענע!

דאָס זיינען די מענטשן, פאַר וועמען מען בעט אונז, זיי צו העלפן אויף אַ פאַרהעלטניסמעסיקן אופן, כדי זיי צו ראַטעווען כאָטש אויף וויפל ניט איז פון זייערע יסורים, פון דער אויסראָ־טונג, וואָס רשעים האָבן באַשלאָסן, אָנשיקנדיק אויף זיי די שווערד, הונגער, פראָסט, קראַנקהייט און טויט. עס איז נישטאָ קיין אַמעריקאַנער, אָן אונטערשייד פון ראַסע און רעליגיע, וועל־כער וויל גערעכט זיין צו אונזער אייגענער געשיכטע און אונ־זער אמונה און צו זיין אייגענעם געווויסן, — וועלכער זאָל ניט קענען העלפן אין וואָסער־עס־איז מאָס, לויט זיינע כחות. זייער וויניק הילף קענען יענע ליידנדיקע מענטשן אין אייראָפע באַ־קומען פון ערגעץ אַנדערש, אויסער פון אַמעריקע. מיר, כמעט אַליין צווישן די געפייניקטע פעלקער פון דער וועלט, באַזיצן וועלכע־עס־איז ממשותדיקע מיטלען צו טאָן עפּעס, צו העלפן. אויס דאַנקבאַרקייט צו גאָט, לאָמיר העלפן גרויסמוטיק יענע, וואָס שרייען צו אונז אין נויט און אין יסורים!".

צום לויב פון גרויסן אידישן כלל אין אַמעריקע, מוז גע־

זאָגט ווערן, אַז מען דאַרף מיט יראת הכבוד, ממש באַוואונדערן די ברידערלעכע הילף, וואָס ווערט דאָ געשאַפן פאַר די נויט־ליידנדיקע פון יענער זייט ים. מען דאַרף איצט גאָרניט פאָרן קיין בערלין, ווין, פּראַג, אָדער אין די לעצטע חדשים אויך קיין וואַרשע, בריסל, אָדער האַג, כדי צו זען די שווערע פאָלקס־טראַגעדיע, וואָס אידן לעבן דאָרט איבער. איר קענט עס זען דאָ, אין ניו־יאָרק גופא. מאַכט אַ באַזוך אין דער געביידע פון „האיאַס", אָדער אין „נעשאָנאַל רעפיודזשים סורוויס". דאָרט קען מען זען קלאָר און דייטלעך דאָס גרויסע אידישע אומגליק, דעם שווערן פאָלקס־חורבן, דעם פולן גרויל און דעם ווײ־געשריי, וואָס קומט פון יענער זייט ים. דאָס אַמעריקאַנער אידנטום מעג שטאָלץ זיין אויף זיינע גרויסע הילפס־אינסטיטוציעס, וואָס זיינען דערוואַקסן צו זייערע הייליקע אויפגאַבן, כדי צו שטיין אויף דער וואַך און געבן אַלע מעגלעכע הילף דעם נע־ונדניק, ווי אויך צו זיין דער פאַרמיטלער צווישן די מיליאָנען אַמעריקאַנער אידן מיט זייערע אומגליקלעכע קרובים אויף דער אַנדערער זייט ים.

ווען מיר זיינען שוין ביי פליכטלינגע־הילף, מוזן מיר דערמאָנען די זייער ענערגישע טעטיקייט פון דער געשעצטער מרס. לואיז וואַטערמאַן־וויז, די פרוי פון געערטן פירער פון אַמעריקאַנער אידנטום, ראַביי סטיפען וויז (אַליין אַ קינד פון עלטערן פליכטלינגע, וועלכע זיינען אַהער געקומען פון דייטשלאַנד אין דער געשילדערטער תקופה פון 1848), וועלכע האָט געגרינדעט און האַלט אויס די דרײ זייער וויכטיקע „קאָנגרעס־הייזער", אַלס אַן אויפאָנטהאַלט און וואוינונגען פאַר פליכטלינגע. זי האָט געגרינדעט אָט־דעם אַנשטאַלט אַלס פרעזידענטין פון דער פרויען־אָפּטיילונג ביי דעם אידיש־אַמעריקאַנער קאָנגרעס. ווי דער מנהג איז ביי דייטשע אידן, עקזיסטירט שוין אַ פאַרבאַנד פון די אַלע, וועלכע זיינען געווען געסט און זיינען אויסגעהאַלטן געוואָרן אין די „קאָנגרעס־הייזער". די מרס. סטיפן וויז פירט אויך אָן מיט אַן „אַדאָפּשאָן־אַגענטור", וואו זי האָט, צו יעדער צייט, מער אַפּליקאַציעס פון „עלטערן" פאַר קינ־

דער, ווי קינדער, וואָס זוכן אַ היים. הילף פאַר רעליגיעזע פליכט־לינגע ווערט אויך געגעבן דורך דעם אַרבעט־פאַרשאַפונג־אָפּיס פון „מזרחי״ און פון די צוויי רעליגיעזע יוגנט־פאַרבאַנדן: „יאָנג איזראַעל״ און די „צעירי אגודת ישראל״, וועלכע האָבן אויף דעם געביט צו פאַרצייכענען באַדייטנדיקע דערפאָלגן.

מיר האָבן אויך אין ניו־יאָרק, אידישע פליכטלינגע פון איטאַליע. אַ קליינע גרופּע, אָבער דאָך אַ זייער פּראָמינענטע און איר פאַרבלייבן דאָ אין לאַנד, וועט זיכער זיין אַ ברכה פאַר דער צוקונפט פון לאַנד. אַזוי זיינען דאָ אַלס אידיש־איטאַליע־נישע פליכטלינגע אַ גרופּע זייער וויכטיקע אידישע פּראָפעסאָרן־מעדיקער, וועלכע זיינען געווען דער שטאָלץ פון די איטאַליע־נישע אוניווערסיטעטן, אָבער מוסאָלינין האָט ניט די אינטע־רעסן פון פאָלקס־געזונט אין איטאַליע. מען דאַרף דאָ ציטירן די געבראַכטע ווערטער פון טערקישן סולטאַן באַיאַזעט דעם צווייטן אָבער מיט אַ געוויסע ענדערונג: מוסאָליני האָט אַרויס־געטריבן די אידישע פּראָפעסאָרן פון די איטאַליענישע אוני־ווערסיטעטן, כדי עס זאָל זיין אַ ברכה פאַרן געזונט פון די פאָלקס־מאַסן אין אַמעריקע. אין ניו־יאָרק געפינען זיך: פּרוי פּראָפעסאָר דזשעמאַ ברזילי, די איינציקע פרוי־כירורגין אין איטאַליע. זי האָט געלערנט אין דער פּאַדוער אוניווערסיטעט. פּראָפעסאָר לואידזשי לוצאטו, וועלכער טראָגט דעם נאָמען פון זיין גרויסן זיידע, דעם באַרימטן איטאַליענישן פּאָליטיקער און פּרעמיער מיניסטער, פּראָפעסאָר וואָלטעררא און פּראָפעסאָר קאַלאַברעזע, די דריי גרעסטע פּראָפעסאָרן־כירורגן אין איטאַ־ליע. פּראָפעסאָר פון דער מעדיצין־געשיכטע אַרטורא קאַסטי־ליאָני (אַ זון פון דער באַרימטער איטאַליעניש־רבנישער פאַמי־ליע), דער פּראָפעסאָר וואַלערא אַרטאָם, דער אָקושער אין קע־ניגלעכן הויז, באַזונדערס ביי די געבורטן פון די קרוינפּרינץ־קינ־דער, פּראָפעסאָר עמיאַל פּארטי, דער הויז־דאָקטער פון דעם קעניגס איינקלעך, וועלכער האָט אויך געמאַכט פאַרשיידענע זייער וויכטיקע דערפינדונגען אויפן געביט פון קינדער־קראַנ־קייטן, וואָס איז באַזונדערס אַ וויכטיקער הייל־מיטל פאַר אַמערי־

קע און דער באַרימטער פּראָפעסאָר פון אַנאַטאָמיע טשעזאַרי טאַדעסקי. מען דערציילט, אַז דער איטאַליענישער קעניג, און באַזונדערס דער קרוינפּרינץ, האָבן זיך ניט געוואָלט שיידן מיט זייערע הויז־דאָקטוירים, אָבער מוסאָלינים פּאָליטיק איז אַפּנים וויכטיקער און מוסאָליני הערשט איצט אין רוים.

עס מוז אָבער ליידער פעסטגעשטעלט ווערן, אַז אין געוויסע אַמעריקאַנער קרייזן, וועלכע האַלטן זיך אין אַלגעמיין פאַר ליבעראַלע און זאָגאַר פאַר סאָציאַליסטן, איז מען זייער קורצזיכטיק בנוגע דעם פּראָבלעם פון פליכטלינגע. מען האָט מורא, אַז אָט וועט דער פליכטלינג קומען און צונעמען דעם „דזשאָב". מען באַציט זיך צו דעם פליכטלינג מיט אומצוטרוי און עס ווערן פאַרשפּרייט פאַלשע ציפערן. און עס איז אין אַלגעמיינעם אינטערעס, אַז עס זאָל אַריינגעבראַכט ווערן אַ קלאָרקייט אין דעם גאַנצן טראַגישן ענין. ביי דעם גאַנצן געשריי וועגן דער „פאַרפלייצונג פון פליכטלינגע", מוז מען פעסטשטעלן, אַז פאַר דער צייט פון ערשטן יולי 1932 ביזן 30־טן יוני 1939, האָט לויט דער דייטשער קוואָטע געקענט אַריינקומען קיין אַמעריקע 175,000 אימיגראַנטן. אַריינגעקומען זיינען אָבער נאָר 75,000 ! אַזאַ צאָל אידיש־דייטשע פליכטלינגע האָט אויך אַריינגענומען דאָס קליינע ארץ ישראל און מען טומלט דאָרט ניט וועגן די גרויסע „טובות", וואָס מען האָט געטאָן. ביזן לעצטן יאָר איז די דייטשע קוואָטע קיינמאָל ניט אויסגעפילט געוואָרן. ערשט אין 1939 איז די דייטשע קוואָטע פון 27,500 אינגאַנצן אויסגענוצט געוואָרן. אויך ווערן פאַרשפּרייט פאַלשע ציפערן וועגן אידיש־דייטשע טוריסטן, וואָס זיינען פאַרבליבן אין לאַנד. אַזוי זיינען פון 1־טן יולי 1938 ביזן 30־טן יוני 1939 אַריינגעקומען אין לאַנד פון דער גאַנצער וועלט 185,333 טוריסטן און אַרויסגעפאָרן זיינען 174,758. אַזוי אַז פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן אין דער וועלט זיינען דאָ פאַרבליבן 10375 טוריסטן, און אין דאָזיקן יאָר האָט מען אַרויסגעגעבן די גרעסטע צאָל טוריסטן־וויזעס צוליב דער וועלט־אויסשטעלונג.

פונקט אזוי פאַלש זיינען די מיינונגען וועגן דעם, אַז די פליכטלינגע ווילן צונעמען די אַרבעט ביי די אַמעריקאַנער. עס איז אין דעם פּרט כדאי זיך צו באַקענען מיט קאָמפּעטענטע ניט־אידישע עקאָנאָמיסטן, וועלכע באַהאַנדלען די פראַגע אין פאַכ־מענערישן זשורנאַל: „סאַשעל וואוירק טודעי" (דעצעמבער 1939). דידאַזיקע פראַגע פון אַמעריקאַנער פאָלקס־ווירטשאַפט־לעכן שטאַנדפּונקט, געפינען אוים די מחברים, איז צו באַדויערן, וואָס צוזאַמען מיט די רעאַקציאָנערע כחות אין לאַנד, באַ־קעמפט אויך די אַמעריקאַנער אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט, וועלכע ווייס דאָך יאָ וואָס עס הייסט די היטלער־טראַגעדיע — דאָס פאַרלייכטערן געוויסע וואַנדערונגס־באַשטימונגען פאַר די קרבנות פון די היטלער־לענדער. זיי ווייזן מיט רעכט אָן, אַז זייער פיל פון איינגעוואַנדערטע: קינדער, עלטערע לייט און פרויען, זיינען בלויז קאָנסומענטן און קאָנקורירן לגמרי ניט אויפן אַרבעטס־מאַרק. אויב מיר זאָלן אפילו רעכענען, אַז יעדער צווייטער דייטשער איינוואַנדערער איז אַן אַרבעטער, וואָס עס איז אַ גרויסע גוזמא, באַטרעפן אין דעם פאַל די אַריבערגעקו־מענע קוים אַן אַכטל פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער אַרבעטס־לאָזיקייט אין לאַנד. אַזאַ נישטיקער פּראָצענט־זאַץ קען ניט האָבן קיין שום איינפלוס. דערצו נאָך, דאַרף מען נעמען אין אַכט דעם פאַקט, וואָס דערדאָזיקער קליינער פּראָצענט־טייל מוז פאַרטיילט ווערן אויף אַ גאַנצע רייע פון אינדוסטריען און פּראָפעסיעס. דערפון זעט מען ערשט, ווי אומגערעכט עס איז דער געשריי, אַז די אַריבערגעקומענע וועלן פאַרכאַפּן די אַר־בעטס־פּלעצער, וואָס די אַמעריקאַנער וואָלטן געקענט פאַרנעמען און אַז די פליכטלינגע וועלן פאַרגרעסערן די אַרבעטסלאָזיקייט.

אין שייכות דערמיט, וועט זיין ניט איבעריק צו ברענגען די דערקלערונג פון פּראָמינענטע אַמעריקאַנער פּערזענלעכקייטן, וועלכע זאָגן זיך אַרויס אין דעם זין, אַז די פליכטלינגע ברענגען גאָר אַריין מער אַרבעט אין לאַנד. אַזוי באַטאָנט דר. וויליאַם ניעלסאָן, דער פּרעזידענט פון דעם סמיט קאָלעדזש און אויך איינער פון די פירער פון „קאָמיטע פאַר פּראָטעקשאָן אָף פאָריין

באָרן", אַז עס זיינען לחלוטין פאַלש אַלע בלבולים, דאָס די פּליכטלינגע באַלאַסטן דעם אַרבעטס־מאַרק. די סטאַטיסטיק האָט באַוויזן, אַז אין לעצטן יאָר זיינען אַרויסגעפאָרן מיט 6,000 מער, ווי מען איז אַריינגעקומען. יעדער אימיגראַנט, וואָס קומט אין לאַנד, איז אַ קאָנסומענט און עס זיינען אויך פאַראַן אַ גרויסע צאָל אימיגראַנטן, וועלכע האָבן נאָך אַ קורצער צייט זיין אין לאַנד, געעפנט אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און באַשעפטיקן דערביי אַמעריקאַנער אַרבעטער, ווי עס איז באַקאַנט דער פאַקט פון עפענען די טשעכישע גלאָז־פאַבריקן, ווינער שאָקאָלאַד־פאַבריקן און נייע כעמישע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. אין דעם זעלביקן זין זאָגט זיך אויך אַרוים דר. הענרי ס. לייפער, דער עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר פון דער „יוניווערסאַל קריסטשיען קאונסיל" און איינער פון די ערשטע אויטאָריטעטן פון דער פּראָטעסטאַנטישער קירכע אין אַמעריקע. ער דערקלערט, אַז עס איז קיים פאַראַן אין דער געשיכטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן נאָך אַזאַ ענלעכער פאַל פון אַזאַ גוואַלטיקן צושטראָם פון אינטעליגענטע און פּראַקטישע מענטשן, ווי עס איז אַריינגעקומען אין די לעצטע יאָרן פון דייטשלאַנד. עס איז סטאַטיסטיש קלאָר פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז ביז איצט איז קיין איינציקער פון די פּליכטלינגע נים געפאַלן צו־לאַסט די עפנטלעכע איינריכטונגען. אויף דער אַנדערער זייט זיינען פאַראַן באַווייזן, אַז טויזנטער אַמעריקאַנער האָבן געפונען אַרבעט אין נייע פאַבריקן, וואָס זיינען געעפנט געוואָרן דורך פּליכטלינגע.
עס איז צו באַדויערן — שרייבט ווייטער דר. לייפער, דער פּראָטעסטאַנטישער קירכן־פירשט — אַז דאָס וויל מען דאָ נים פאַרשטיין און אין קאָנגרעס־הויז געפינען זיך איבער 100 אַנטי־אימיגראַנטן און בכלל פרעמדן־פיינטלעכע בילס, וואָס שטרעבן אָפּצושטעלן בכלל די וואַנדערונג. אַזאַ האַנדלונג איז שוין אַ פאַרלעצונג פון די הייליקסטע אַמעריקאַנער טראַדיציעס. אַ קאַפּיטאַן פון אַ גרויסער שיף, וואָס האָט פאַר זיך צו ראַטעווען 100 דערטרונקענע, וועלכע ראַנגלען זיך מיט די כוואַליעס, כדי צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן, קען נים זאָגן, איך וועל ראַטעווען

נאָר זעקס מענטשן און די אַנדערע אינטערעסירן מיך ניט. זיי קענען דערטרונקען ווערן . . .

ווי ווייט דאָס פּראָבלעם פון פליכטלינגע האָט ערנסט פאַר־אינטערעסירט די באַדייטנדיקסטע וויסנשאַפטלעכע און אַל־געמיין פּראָגרעסיווע קרייזן דאָ אין לאַנד, באַווייזט דאָס זאַמל־בוך, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן, אונטער דער לייטונג פון פּראָפעסאָר ס. בראַון, דורך דער „אַמעריקאַנער אַקאַדעמיע פאַר פּאָליטיק און סאָציאַלער וויסנשאַפט". העכר 20 באַדייטנדיקע פאַכלייט האָבן באַאַרבעט פאַרשיידענע צווייגן פון דעם פּראָב־לעם פון די פליכטלינגע אויף דער וועלט. די צענטראַלע אָרגאַני־זאַציעס פון די פליכטלינגע האָבן דאָס זאַמלבוך זייער האַרציק באַגריסט אַלס אַ ווערטפולן ווערק, וואָס וועט פיל מיטהעלפן צו שאַפן אין אַמעריקע און אין אַנדערע איינוואַנדערונגס־לענדער אַ געהעריקע אויפקלערונג פון דעם טראַגישן פּראָבלעם אין אַן אָביעקטיוון זין. אַלס פאַרטרעטער פון די פליכטלינגע קרייזן גופא זיינען אין דעם זאַמלבוך פאַרטראָטן עריקא מאַן, די טאָכ־טער פון גרויסן דייטשן דיכטער און פליכטלינג, טאָמאַס מאַן, און פּראָפעסאָר עדוואַרד היימאַנס.

עס דאַרפן נאָך דערמאָנט ווערן צוויי אַנגעזעענע אינערלעך־אידישע דערקלערונגען אין דעם זעלביקן ענין. אַזוי האָט דער געוועזענער ווירטשאַפטס־רעדאַקטאָר פון „בערלינער טאַגע־בלאַט", פעליקס פּיננער, איצט אויך אַ פליכטלינג אין אַמעריקע, אַנגעוויזן דערויף, אַז פיל אידיש־דייטשע פליכטלינגע זיינען שוין אַלטע באַקאַנטע אין דער אַמעריקאַנער ווירטשאַפט. אַ גרויסע צאָל פליכטלינגע זיינען פריער געווען טעטיק אין די דייטשע עלעקטרישע פאַבריקן, מעטאַל־אינדוסטריען, שיפס־געזעל־שאַפטן, עקספּאָרט־האַנדל־באַנק־אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן נאָך פון די פריערדיקע יאָרן אין דייטשלאַנד געהאַט נאָענטע באַציאונגען מיטן אמעריקאַנער מאַרק, און אַ גרויסע צאָל פון זיי האָבן דאָ זייער לייכט געפונען באַשעפטיקונגען. אויך דייטשע יוריסטן און ווירטשאַפטס־קענער האָבן געפונען אַרבעטס־מעגלעכקייטן אויף דעם ריעל־עסטייט מאַרק. אַ באַדייטנדיקע

צאַל אידיש-דייטשע פּראָפעסאָרן לערנען אין די אַמעריקאַנער קאָלעדזשעס און אוניווערסיטעטן. אַן ענלעכע פעסטשטעלונג האָט אויך געמאַכט די „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע״ אין באַריכט פאַרן יאָר 1939 ווערט געזאָגט, אַז דער נייער טייל פון דער אידישער באַפעלקערונג האָט באַדייטנדיק מיטגעהאָלפן און צוגעטראָגן איר חלק צום אַמעריקאַנער קולטורעלן אוןווירטשאַפטלעכן לעבן.

אין אַפּריל 1940, זיינען געמאַכט געוואָרן, פּונקט ווי אין די פריערדיקע עפּאָכן, וויכטיקע אויפטואונגען פון די פליכטלינגע אַלס פּיאָנערן פון נייע אינדוסטריעלע צווייגן אין אַמעריקע. אַזוי איז באַזונדערס וויכטיק צו דערמאָנען, אַז אין ניו-יאָרק האָט זיך געשאַפן אַ קאָרפּאָריישאָן פון קונסט-האַנטווערק, וואָס ווערט אויסגעאַרבעט פון פליכטלינגע. ווי באַוואוסט האָט מען געקענט געפינען אין ווין אַ רייע קונסט האַנטווערקערייען, וועלכע האָבן ביז דער היטלער-קאַטאַסטראָפע געאַרבעט ספּעציעל פאַר דעם אַמעריקאַנער מאַרק, און פון אַמעריקע זיינען יאָרן יערלעך געשיקט געוואָרן קיין עסטרייך צו עטלעכע מיליאָן דאָלער. איצט געפינען זיך דיזעלביקע קינסטלער אין ניו-יאָרק און זיי האָבן דאָ געעפנט אַ קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונג, וואָס איז שוין געזיכערט מיט אָפּנעמער פאַר דער אויסאַרבעטונג, און אַמעריקע דאַרף ניט ארויסשיקן קיין מיליאָנען דאָלאַרן קיין אויסלאַנד.

אין נאָרט-קאַראָליינע איז געעפנט געוואָרן אַ גומי-פאַבריק, וואָס איז אין אַמעריקע די ערשטע פון איר אַרט און וועט דערווייל באַשעפטיקן 200 אַרבעטער. די באַלעבאַטים פון דער פאַבריק זיינען צוויי אידיש-טשעכישע פליכטלינגע. עס ווערט געאַרבעט לויט אַ ספּעציעל-דערפונדענעם מעטאָד, וואָס בלייבט אויסשליסלעך אַן אַמעריקאַנער פאַרמעגן. אין ניו-דזשוירזי איז געעפנט געוואָרן אַ פאַבריק, וואָס אַרבעט אויס, לויט אַ נייער דערפינדונג, געוויסע מיטלען, וואָס זיינען נויטיק אויף אויסצורבעטן פלייש-רויכערייען. אַ פליכטלינג האָט געעפנט די פאַבריק מיט 400 דאָלער און עס זיינען דערווייל שוין באַשעפטיקט אין דער פאַבריק 150 אַמעריקאַנער אַרבעטער. אַ פּראָמי-

נענטער שפיל-צייג אינדוסטריעלער אין סינסינעטי האָט אין אַ סטייטמענט צו דער רעגירונג דערקלערט, אַז „דער אַנטייל פון די דייטשע פליכטלינגע אין דער היגער שפילצייג-פּאַבריקאַציע האָט זייער באַדייטנדיק מיטגעהאָלפן אַ הויכע שטייגערונג אין דער אויסבעסערונג פון אָט-דער אינדוסטריע".

זאָל דאָסדאָזיקע בוך אָפּגעשלאָסן ווערן מיט אַ בריוו פון באַרימטן אַמעריקאַנער, דער אידישער ריכטער פון סופרים-קאורט אין וואַשינגטאָן, פעליקס פראַנקפורטער, („אויפבוי", 22 דעצעמבער 1939), וואָס איז אַ זייער וויכטיקער דאָקומענט פון אַ קינד פון אַן אימיגראַנטן-פאַמיליע, געבוירן אין ווין און גע-הערט צו די איידלסטע אַמעריקאַנער אין בעסערן זין פון וואָרט. אין זיין בריוו שרייבט פּראָפעסאָר פראַנקפורטער פאָלגנדיקס:

„עס איז מיר אוממעגלעך אויסצודריקן מיינע טיפסטע דאַנק-באַרקייט-געפילן און די ליידנשאַפטלעכע איבערגעבנקייט צום דאָזיקן לאַנד, וואָס האָט געגעבן צו מיליאָנען מענטשן, — וואָס זיינען אַזוי ווי איך געבוירן געוואָרן אונטער פרעמדע הימלען, — די פּריווילעגיע צו קענען נעמען אַן אַקטיוון אַנטייל אין דערדאָזי-קער געזעלשאַפט. דער יסוד פון אונזער רעפּובליק איז אַ מישונג פון ראַסן. פון די 56, וועלכע האָבן אונטערגעשריבן די „דעק-לאַריישאָן אָף אינדעפּענדענס", זיינען 18 ניט געווען פון דער ענגלישער אָפּשטאַמונג.

„עס איז ווערט צו דערמאָנען, אַז ווען דער קאָנטינענטעל-קאָנגרעס האָט אויסגעוויילט דזש. אדעמס, פרענקליין און דזשע-פערסאָן אין אַ קאָמיטע אויסצואַרבעטן דעם נאַציאָנאַלן סימבאָל, האָבן זיי רעקאָמענדירט אַ סימבאָל, וואָס האָט אין זיך אַנט-האַלטן די נאַציאָנאַלע סימבאָלן פון ענגלאַנד, פראַנקרייך, סקאָט-לאַנד, איירלאַנד, דייטשלאַנד און האָלאַנד, — די לענדער, די לאַנדסלייט פון וועלכע די באַפעלקערונג פון די יונייטעד סטייטס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן. אַמעריקאַנער בירגער, געבוי-רענע אין אויסלאַנד, האָבן גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער רעוואָלוציע פאַר אַמעריקעס אומאָפּהענגיקייט, געהאָלפן אין בירגער-קריג צו ראַטעווען די יוניאָן און האָבן געענטפערט אויף

די רופן, בעת דער וועלט-מלחמה, כדי צו דערהאַלטן די דעמאָ-קראַטיע, ניט אַנדערש איז עס אויך אין דער קולטור-געשיכטע, וויסנשאַפט און קונסט. עס איז אַנטשטאַנען אַ צונויפשמעלצונג פון זשעניע און אַרבעט, ביי מענער און פרויען, וועלכע האָבן געשטראַמט אַהער פון אַלע עקן פון דער וועלט.

„די קאָנסטיטוציע פון די יונייטעד סטייטס איז צוזאַמענ-געשטעלט געוואָרן אין דער קלאַסישער שפּראַך פון סופרים קאָורט. זי איז ניט באַגרענעצט און איז אויסגערעכנט אויף אַ ווייטער צייט, פאַר די מענטשן, וואָס זיינען שוין אַהערגעקומען און פאַר די, וואָס וועלן נאָך אַהערקומען פון פאַרשיידענע לענ-דער און נאַציעס. דער אידעאַל, וואָס האַלט אונז צוזאַמען, באַ-שטייט אין דעם מאָראַלישן ווערט פון דעם איינפאַכן מענטשן, אָן אונטערשייד פון רעליגיע און ראַסע. דערדאַזיקער גלויבן איז אַמעריקעס יסוד און אים גלויבן אויך אַמעריקעס פאָעטן ,שטאַטס-לייט, און פאַר וועלכן אומצאָליקע מיליאָנען, דור נאָך דור, האָבן זייער לעבן אַוועקגעגעבן.

„איך וויל געדיינקען אין די מענער און פרויען, וואָס האָבן זיך געפונען אין דעם זאַמדיקן ברעג (סענדי הוק). זיי האָבן אין יעדן פרימאָרגן געוואָרפן זייערע בליקן צו דער נייער וועלט. זיי זיינען אַהער געקומען מיט פילצאָליקע שפּראַכן אין מויל. זיי אַלע ריידן אָבער איצט גאָר איינהייטלעך, די וועלט-שפּראַך פון דער מענטשלעכער אמביציע. ווי גוט זיי האָבן פאַרווירק-לעכט זייערע האָפנונגען, באַווייזן זייערע רעקאָרדס, די מעשים, וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן.

„דער ריזיקער מאַסן-שטראָם צו אונזער לאַנד ווערט צוריק-געהאַלטן, אָבער עס ווערט ניט אָפּגעשוואַכט זייער ביינקשאַפט צו אונז און ניט אונזער אינטערעס פאַר זיי. אין דער צייט, אין וועלכער מיר לעבן, קומען צו אונז מענער און פרויען מיט פיל ענערגיע און דענקער פון העכסטן גראַד, וועלכע קענען זיך צו-פאַסן צו יעדער גוטער געזעלשאַפט. מיר באַגריסן זיי, אַזוי-פונקט ווי די דורות פאַר אונז האָבן באַגריסט די ערשטע פליכט-לינגע, וואָס זיינען אַהער געקומען אין 1848″.

ביבליאָגראַפיע

אייזנשטיין יהודה דוד, אוצר ישראל, ניו־יאָרק, 1924.

באַדער גרשם, מדינה וחכמיה, ניו־יאָרק, 1929.

בובליק גדליהו, די ריזן־שריט פון די אידן אין אַמעריקע, „מאָרגנן־זשורנאַל" 12 דעצ. 1939.

ביק אברהם הרב, קעמפער און היטער, נ. י. 1940.

בלאָך חיים, דאָס אידישע אַמעריקע, דייטש., ווין 1926.

גאָלדבערג אב., חיים סאָלאָמאָן, יאָרביכער פוילישע אידן, 1939.

גליקסמאַן שלמה, שקרים אין דער אַנטיסעמיט. ליטעראַטור, נ. י. 1940.

גלען מנחם, אידן אין דער אַמעריק. פרעסע, ספר השנה ליהודי אמריקה תרצ"ט.

גרין אָסקאַר, אידן־פּיאָנערן פון דער נייער וועלט, דייטש. „אויפבוי", 19 אַפּריל 1940.

גראָס נפתלי, פון אידישן אַרבעטער לעבן, נ. י., 1935.

דובנאָוו שמעון פּראָפ., אידישע געשיכטע, באַנד 4.

דינגאָל ס., מיט וואָס באַשעפטיקן זיך די אידן אין אַמעריקע? „טאָג", 26, 27 און 29 מערץ, 1939.

דאַנציס מ. לעאָן מאָיסעיעוו, „טאָג" 21 יאַנ. 1939.

" " אין „האַיאָס", „טאָג" 17 מערץ, 1939.

דרוק דוד, אַדאָלף סוטראָ דער גאָלדמינען רעוואָלוציאָנער, מ. זש., מערץ, 1939.

הערש ל. פּראָפ., אידישע עמיגראַציע, — אלג. ענציקלאָפּעדיע, פּאַריז, 1939.

ווערניק פּרץ, געשיכטע פון די אידן אין אַמעריקע, נ. י. 1925.

וולאַדעק ב., אין אָפּשאַצונג פון זיינע פריינט, נ. י. 1936.

זאַקס ש., געשיכטע פון „אַרבעטער־רינג", פאַרלאַג פון אַרבעטער־רינג.

טיגעל ז., צוועלף געשטאַלטן — חיים סאָלאָמאָן, נ. י., 1928.

טאַרטאַקאָווער אַריה דר., אידישע עמיגראַציע פּאָליטיק, ווילנע, 1939.

טשאַרנאָבראָדע שמעון, פּוילישע אידן אין אַמעריקע, יאָרביכער פוילישע אידן, 1933־1935.
ייוואָ־זאַמלביכער, אַמעריק. אָפּטייל, 1938 און 1939.
ליעסין א., עפּיזאָדן פון מיין לעבן, „צוקונפט", אַפּריל 1940.
לערנער י., פליכטלינגע שאַפן מער אַרבעט, מ. זש., 12 דעצ. 1939.
ניגער ש., אַמעריק.־אידישע קולטור־געשיכטע, „צוקונפט", אַפּריל 1940.
„ניו־יאָרק", זאַמלביכער אונטער דער רעד. פון י. א. ראָנטש, 1930.
סאהן דוד, 50 יאָר ביאַליסטאָק אין ניו־יאָרק, נ. י., 1939.
פאכאצקי וו., 40 יאָר אַרבעטער־רינג, מ. זש., 10 אַפּר. 1940.
פראַנק הערמאַן דר., די פּאָליאַקן אין אַמעריקע, פאַרבאַנד, נאָוו. 1928.
צייטלין אהרן, יודעאָ־אַמעריקע, „דער וועג", מעקסיקע.
„ „ אייראָפּייער — אַמעריקאַנער פּאַטריאָטן, „צוקונפט", אַפּריל, 1940.
קאהאן אב. היסטאָריע פון די פאַראייניקטע שטאַטן.
„ „ בלעטער פון מיין לעבן, נ. י., 1926.
ראָגאָף הלל, געשיכטע פון די פאַראייניג. שטאַטן, נ. י. 1926.
ראָזענבערג אברהם, די קלאָוקמאַכער און זייערע יוניאָנס, נ. י., 1926.
ראָססעל טשאַרל עדוואַרד, חיים סאַלאָמאָן און די רעוואָלוציע, אין דער אידישער איבערזעצונג פון עלבערט איידלין טראַמער, יאָרבוך פון פויל. אידן, 1936.
ריבקינד יצחק, מקורות חצונים, קובץ היובל של הסתדרות המזרחי באמריקה, ניו־יאָרק, שבט תרצ"ו.
שאַצקי יעקב דר., אַמעריק. אידן און דער פוילישער אויפשטאַנד, ייוואָ בלעטער, דעצ. 1932.
„שייד־וועגן", זאַמלבוך, פּאַריז, 1939.